# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

במדבר - שבועות

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## במדבר - שבועות


כמה יוסף איכא - יעדער איד איז באַזונדער חשוב פאַר דעם אויבערשטען ........... ד

בעצרת נידונים - שבועות איז דער ראש השנה פאַר רוחניות ............... ז

המה יעלו בהר - דער נחת רוח פון אַ מענטש וואָס האָט אַ יצר הרע .......... י

אבינו אב הרחמן - שבועות איז די צייט מתפלל צו זיין אויף הצלחה אין תורה........יג

תיקון ליל שבועות - די גרויסקייט און הייליגקייט פון דער נאַכט.............טז

ללמוד וללמד - עס איז נישט דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט וואָס איז חשוב'ער ווי לימוד התורה......כ

צבי וחמיד ורגיג דילאון בלעותא - דער אויבערשטער האָט ליב אַ מויל וואָס לערנט אַסאַך תורה...כה


**ספה"ק בת עין**

... **וְנוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה** און אונז קענען זאגן אויף די וועג, **דְּהִנֵּה הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא הִשְׁרָה שְׁכִינָתוֹ עַל הַר סִינַי שֶׁהוּא נָמוּךְ שֶׁבֶּהָרִים** אונז ווייסן אז דער באשעפער האט געמאכט רוען זיין שכינה אויף די בארג סיני וואס איז געווען די נידריגסטע בארג, **שֶׁאֵין הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ שֶׁהוּא גְּדוּלָּתוֹ** ווייל דער באשעפער מאכט נישט רוען זיין שכינה וואס דאס מיינט זיין גרויסקייט, **רַק בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ שָׁם מִקּוֹדֶם בְּחִינַת עֲנָוָה** נאר אין א פלאץ ווי ס'איז קודם געווען די בחינה פון ענוה, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ישעיה נז, טו) **'אֲנִי אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'איך וועל רוען מיט דעם וואס האלט זיך קליין'.

**וְעִיקַּר הַסִּיבָּה הַמְּבִיאָה לִידֵי בְּחִינַת עֲנָוָה הוּא לִימּוּד הַתּוֹרָה נְבִיאִים כְּתוּבִים** און די עיקר סיבה וואס ברענגט צו א מענטש צו די מידה פון ענוה איז דורך דעם וואס ער לערנט אין ת'ורה נ'ביאים כ'תובים, **שֶׁהוּא חוּט הַמְּשׁוּלָּשׁ וְלֹא בִּמְהֵרָה יִנָּתֵק** (קהלת ד, יב) וואס די דריי זאכן איז א 'חוט המשולש' וואס צוליב איר שטארקייט ווערט זי נישט אזוי שנעל איבערגעריסן, **וְאַדְּרַבָּה הוּא מְחַזֵּק אֶת הָאָדָם לָבֹא לִדְבֵיקוּת ה'** נאר פארקערט לערנען אין תנ"ך איז 'מחזק' און שטארקט דעם מענטש צוצוקומען צו דביקות צום באשעפער, **הַיְינוּ שֶׁבְּחִינַת עֲנָוָה קוֹבֵעַ מָקוֹם אֶצְלוֹ** דאס מיינט אז די בחינת ענוה ווערט זיך באשטימען א פלאץ אין אים, **וּמִזֶּה יָבֹא לְהַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה שֶׁהוּא דְּבֵיקוּת ה'** און פון דעם וועט ער צוקומען אז די שכינה וועט רוען אויף אים וואס דאס איז 'דביקות' אין באשעפער.

... **וְדָבָר זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לָבֹא רַק עַל יְדֵי תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב וּנְבִיאִים וּכְתוּבִים** און צו צוקומען צו די בחינה (פון ענוה) קען מען נישט נאר דורך לערנען די 'תורה שבכתב' און 'נביאים' און 'כתובים'. **וּלְכָךְ צָרִיךְ לִלְמוֹד בְּלֵיל שָׁבוּעוֹת תַּנַ"ךְ** און דערפאר דארף מען לערנען שבועות ביינאכט אין תנ"ך, **כְּדֵי שֶׁיִּקְנֶה לְעַצְמוֹ בְּחִינַת עֲנָוָה** כדי דער מענטש זאל קונה זיין אין זיך די בחינה פון ענוה, **וּמִזֶּה יָבֹא לִדְבֵיקוּת ה' שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** און פון דעם וועט ער צוקומען צו 'דביקות' אין השי"ת וואס דאס מיינט 'השראת השכינה'. **יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה** זאל זיין די ווילן פון השי"ת אונז זאלן זוכה זיין דערצו. **אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

**(דרוש לשבועות ד"ה אי' בגמרא)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# במדבר - שבועות

**כמה יוסף איכא - יעדער איד איז באַזונדער חשוב פאַר דעם אויבערשטען**

**אין** דער היינטיגער סדרה, לייענען מיר אַז מ'האָט אַוועקגעשטעלט די שבטים אין מדבר לויט זייער 'דגל', סיי ביים זיך אַוועקציען, און סיי ווען מ'האָט גערוהט: 'איש על דגלו, באותות לבית אבותם' (ב, ב).

**פרעגט** הרה"ק רבי יצחק'ל ראַדווילער זי"ע, אין זיין ספר 'אור יצחק' (פ' במדבר), אַז עס איז אַ וואונדער אַז די תורה זאָל דערציילן אַז די אידן האָבן געהאַט דגלים, כדי יעדער שבט זאָל דערקענען זיין מחנה, פונקט אַזוי ווי יעדע אַרמיי האָט 'פענער' כדי יעדער סאָלדאַט זאָל וויסן צו וועלכע איינהייט ער געהערט. עס איז דאָך נישט מסתבר צו זאָגן אַז די 'דגלים' האָבן טאַקע געהאַט דעם זעלבן ציל ווי אַ אַרמיי און סאָלדאַטן.

**אין** אנדערע ווערטער, ס'איז פשוט אַז די 'דגלים' האָבן נישט געדינט אַלס אַ סימן, אַזוי ווי - להבדיל אלף אלפי הבדלות - ביי די גוים. די תורה האָט זיכער מאריך געווען אין דעם, ווייל עס איז דאָ אין דעם אַ 'נבואה' פאַר אַלע דורות, אַז מיר זאָלן עפּעס לערנען דערפון.

**עס** שטייט אין מדרש תנחומא (פרשתינו, יד) אַז ווען דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו געבן די תורה אויפ'ן באַרג סיני, זענען אַראָפּגעקומען מיט איהם 22 טויזנט רייטוועגענער פון מלאכים, און זיי האָבן געהאַט 'פענער, פענער'. ווען די אידן האָבן געזעהן די פענער פון די מלאכים, האָבן זיי אויך געגליסט צו האָבן אַזעלכע פענער. זיי האָבן געזאָגט, 'הלוואי זאָלן מיר מאַכן אַזעלכע פענער אַזוי ווי זיי'... און אַזוי זאָגט דער פסוק (תהלים כ, ו) 'נרננה בישועתך ובשם אלקינו נדגול, ימלא ה' כל משאלותיך'. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו די אידן, איר האָט געגליסט צו האָבן אַזעלכע פענער, איך שווער, אַז איך וועל נאָכגעבן אייער פאַרלאַנג: 'ימלא ה' כל משאלותיך'. דער אויבערשטער האָט אַרויסגעוויזן זיין ליבשאַפט פאַר די אידן, און ער האָט געזאָגט צו משה רבינו ע"ה: גיי און מאַך פאַר זיי די זעלבע פענער, צו וועלכע זיי האָבן געגליסט, 'איש על דגלו באותות'..., און לעתיד לבוא וועל איך אייך אויסלייזן אין זכות פון די 'דגלים'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, וואָס איז געווען די גרויסע גליסטונג פאַר די 'דגלים', און וואָס איז געווען די גרויסע ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט אַרויסגעוויזן פאַר די אידן, מיט דעם וואָס ער האָט זיי באַפוילן צו מאַכן פענער? אויך דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז דער ענין וואָס אויך די מלאכים האָבן 'דגלים, דגלים'?

**האָבן** צדיקים געזאָגט, אַז דאָס קומט איינוואָרצלען אין יעדן איד אמונה אין דעם אויבערשטען, אַז מ'דאַרף גלייבן אַז אַלעס וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, איז מיט אַ פונקטליכע השגחה פון הימל. דער אויבערשטער ברוך הוא טוט 'אויסשטעלן' פאַר דעם מענטש זיין אָרט, און זיין 'פאָן', וואָס איז פאַסיג פאַר איהם. מיט זיין גרויסע חכמה, האָט דער אויבערשטער מסדר געווען פאַר יעדן איינעם אַלע באַדינגונגען, וואָס נאָר דורך דעם קען מען טוהן דעם רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. דער מענטש קען נישט אויספירן זיין תפקיד אויף אַן אַנדערן אופן.

**אַמאָל** הערט מען ווי אַ מענטש זאָגט, הלוואי וואָלט איך פאַרמאָגט אַ קאָפּ אַזוי ווי יענער... דאַן וואָלט איך בעסער פאַרשטאַנען דאָס לערנען... הלוואי זאָל איך האָבן אַ האַרץ אַזוי ווי ראובן, און אַ 'בייטל' מיט געלט אַזוי ווי שמעון. איך וואָלט דאָך געקענט אויסהאַלטן אלמנות און יתומים, אָרימעלייט און צובראָכענע מענטשן. אויב איך וואָלט געוואוינט אויף יענעם אָרט, וואָלט איך געווען...

**באמת**, דאַרף אָבער יעדער מענטש וויסן, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא, דער 'יודע תעלומות',

קען איך די אַלע חשבונות, און ער איז בכח צו טוהן לויט ווי דו טוסט איהם 'עצה'ן'... נאָר מיט זיין גרויסן חסד, האָט ער אַוועקגעשטעלט יעדן מענטש אין זיין אייגענעם מצב וואו ער געפינט זיך[א], אַז עס זאָל זיין 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא'[ב].

**דאָס** האָבן די אידן געזעהן ביי מתן תורה, ווען דער אויבערשטער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט מיט מחנות מלאכים, און מ'האָט געזעהן אַ וואונדערליכע ערשיינונג, אַז קיין איין מלאך איז נישט מקנא דעם צווייטן, נאָר יעדער איינער פון זיי שטייט אויף זיין אָרט.

---

**א.** מיר זאָגן אין 'נשמת', 'ואילו פינו מלא שירה כיום ולשונינו רינה כהמון גליו, ושפתותינו שבח כמרחבי רקיע, ועינינו מאירות כשמש וכירח וכו', **אין אנחנו מספיקים להודות לך** ה' אלוקינו' וכו'. פרעגן די מפרשים (און אַזוי פרעגט אויך דער 'חתם סופר' זי"ע), מיר זאָגן דאָך באַלד דערנאָך, 'על כל איברים שפלגת בני ורוח ונשמה שנפחת באפינו ולשון אשר שמת בפינו, **הן הם יודו ויברכו**', וואָס פון די ווערטער קומט אויס, אַז דער מענטש קען יאָ דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען מיט זיינע איברים.

נאָר דער תירוץ איז, אַז כל זמן דער מענטש וויל דאַנקען און לויבן מיט די כוחות פון **אַנדערע** באַשעפעניש, 'כמרחבי רקיע', אָדער 'כשמש וכירח', איז טאַקע **אין** אנחנו מספיקים להודות'... ווייל דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן איהם לויבן און דאַנקען נאָר מיט די איברים וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט **אין אונז** - יעדער איד, לויט זיינע כוחות, און לויט זיין מצב. מיט זיינע איברים, קען ער טאַקע יאָ דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער.

עס ווערט געברענגט אַז הגה"צ רבי ירוחם זצ"ל פון מיר האָט דערציילט פאַר דעם 'חפץ חיים' זצ"ל, אַז אַמאָל פורים, 'כטוב לב המלך ביין', האָט הגה"צ רבי נפתלי אַמסטערדאַם זצ"ל געשריגן צו זיין רבי'ן, דעם גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל: רבי, אויב איך וואָלט געהאַט דעם 'קאָפּ' פונעם 'שאגת אריה', דאָס 'האַרץ' פונעם בעל 'יסוד ושורש העבודה', און די 'מידות' פון דעם רבי'ן (רבי ישראל סאַלאַנטער), דאַן וואָלט געווען... האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געענטפערט אויפ'ן אָרט:

- ניין, נפתלי, נאָר מיט **דיין** קאָפּ, מיט **דיין** האַרץ, און **דיינע** מידות...

הערנדיג דאס, האָט דער 'חפץ חיים' זיך אָנגערופן:

- דאָס איז דאָך מרומז אין פסוק (שמות ג, ה) 'כי **המקום אשר אתה עומד** עליו אדמת קודש הוא'. דער מענטש דאַרף נישט טוישן זיין אָרט און די באַדינגונגען, נאָר דייקא פון זיין פלאַץ, און פון זיין מצב - 'כי המקום אשר אתה עומד עליו' - קען ער שטייגן... ('שיחות החפץ חיים', ח"ב, ע' מה)

**ב.** הגה"צ רבי שמואל לוריא זצ"ל, דער ראש בית דין פון דער הייליגער שטאָט צפת, האָט אַמאָל אינדערפרי נאָכ'ן דאַווענען, דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

איינער פון די אידן אין צפת, איז געקומען זיין צייט צו פאַרלאָזן די וועלט. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויבן און איז געשטעלט געוואָרן פאַר'ן בית דין של מעלה, האָט מען איבערגעקוקט זיין מצב אין קיום התורה והמצוות, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זיין מצב איז מער-וויניגער גאַנץ גוט, נאָר ער האָט געהאַט עטליכע קליינע פגמים, און בלית ברירה וועט ער מוזן נאָך אַמאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט, כדי ער זאָל פאַרריכטן וואָס עס פעלט אויס פאַר די שלימות פון זיין נשמה. האָט די נשמה זיך צעוויינט ביים בית דין של מעלה: 'יעצט ווייס איך וואָס איך האָב צו פאַרריכטן, אָבער ווער ווייסט וואָס עס וועט זיין ווען איך וועל געבוירן ווערן פונדאָסניי, און איך וועל נישט וויסן וואָס איך דאַרף מתקן זיין. אדרבה, ווער ווייסט צי איך וועל נישט חלילה קאַליע מאַכן'.

דער בית דין של מעלה האָט אויסגעהערט די טענה פון די נשמה, און מ'האָט איר פאַרזיכערט אַז ווען זי וועט אַראָפּקומען אויף דער וועלט, וועט זי וויסן און געדענקען וואָס זי האָט צו פאַרריכטן. די נשמה האָט אָבער ווייטער געוויינט: אין פריערדיגן גלגול, בין איך ערצויגן געוואָרן אין אַן ערליכע אידישע היים. ווער ווייסט, אין וואָס פאַראַ הויז איך וועל יעצט געבוירן ווערן... וואָס פאַראַ חינוך מ'וועט מיר דאָרט געבן... האָט מען איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט געבוירן ווערן אין זעלבן הויז פון וואו זי קומט יעצט.

האָט די נשמה ווייטער געוויינט: יעצט קום איך נאָך לאַנגע יאָרן פון לימוד התורה און קיום המצוות, האָבנדיג געהאָרעוועט אין משך פון לאַנגע יאָרן אויף יעדן דבר שבקדושה. עס פעלן מיר טאַקע אַ פּאָר קלייניגקייטן, אָבער אין אַלגעמיין, האָב איך מקיים געווען תורה ומצוות. אָבער יעצט, ווען איך וועל צוריק אַראָפּקומען אויף דער וועלט, קום איך דאָך אַראָפּ ליידיג און לער פון תורה און מצוות, און כ'וועל דאַרפן נאָך אַמאָל קונה זיין אַלעס פונדאָסניי.

עס פאַלט איהם נישט איין זיך אַוועקצושטעלן אויפ'ן אָרט פון אַן אַנדערן מלאך. דער מלאך מיכאל האָט נישט קיין רצון אָדער קנאה אַריינצוגיין אין די 'גרעניץ' פון מלאך גבריאל, און אַזוי ווייטער. קיין איינער פון די מלאכים זוכט נישט צו זיין אויף אַן אַנדערע מדריגה, נאָר אַלע זענען מקיים וואָס מיר זאָגן, 'ונותנים באהבה רשות זה לזה להקדיש ליוצרם'.

**ווען** די אידן האָבן דאָס געזעהן, האָבן זיי פאַרשטאַנען די חשיבות דערפון, און אַז אדרבה, אַזוי ווערט גרעסער דער כבוד פון באַשעפער. יעדער מענטש איז חשוב און טייער און דווקא ער טוט אָנפילן זיין אָרט וואו מ'האָט איהם אַוועקגעשטעלט פון הימל. אַ קליין קינד וואָס ערפילט זיין שליחות, איז די זעלבע חשוב אין הימל אַזוי ווי אַ 'גרויסער' וואָס ערפילט זיין שליחות.

**צוליב** דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו די אידן, וויבאַלד איר האָט געגליסט צו די 'דגלים', 'חייכם הריני עושה משאלותיכם, ימלא ה' כל משאלותיך'.

**אַנהייב** היינטיגע סדרה (א, ב-ג) לערנען מיר, 'שאו את ראש כל עדת בני ישראל... תפקדו אותם לצבאותם'. זאָגט רש"י, 'מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה'. וויבאַלד זיי זענען באַליבט פאַר איהם, טוט ער זיי שטענדיג ציילן. דאָס איז אַזוי ווי אַ מענטש וואָס האָט ליב געוויסע חפצים, ציילט ער כסדר די חפצים, כדי צו זעהן אויב עס פעלט נישט איינס אָדער מער פון זיי.

**זאָגן** די ספרים ('ספר הזכות', פון הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, פ' כי תשא, ועוד), אַז דער תכלית פון ציילן די אידן איז געווען, צו ווייזן פאַר יעדן איינעם פון זיי אַז ער איז אַ 'דבר שבמנין' - אַ זאַך וואָס מ'ציילט, וואָס ווערט נישט בטל אַפילו אַנטקעגן טויזנט. יעדער איינער איז חשוב באַזונדער פאַר דעם אויבערשטען, און צוליב דעם טעם ווערט דער ספר במדבר אָנגערופן 'חומש הפקודים', כאָטש אין גאַנץ ספר במדבר, ווערט דערמאַנט דער ענין פון ציילן די אידן נאָר צוויי מאָל, ווייל דער אויבערשטער האָט אַ גרויסן ענין אין דעם צו ציילן די אידן.

**מיט** דעם יסוד, זאָגט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל ('דרש משה', לשבועות), אַז צוליב דעם טעם האָבן חז"ל מתקן געווען אַז מ'זאָל לייענען פרשת במדבר פאַר יום טוב שבועות (מגילה לא:, און תוספות דאָרט, ד"ה 'קללות'). דער טעם דערפון איז, כדי מפסיק צו זיין מיט לייענען פרשת במדבר צווישן די קללות אין פרשת בחוקות און דעם יום טוב שבועות.

---

האָט מען איר אויך דאָס צוגעזאָגט, אַז זי וועט געבוירן ווערן אין זעלבן עלטער ווי זי איז יעצט, און נישט ווי אַ ניי-געבוירן קינד...

ווען רבי שמואל לוריא זצ"ל האָט געענדיגט דערציילן די 'מעשה', האָבן די אָנוועזענדע אידן אָפּגעלאַכט פון איהם, ווייל קיינער פון זיי האָט נישט געהערט אַז לעצטענס איז אין צפת נפטר געוואָרן אַ זקן, און אויך האָבן זיי נישט געהערט וועגן אַ קינד וואָס איז לעצטענס געבוירן געוואָרן אין שטאָט. זייער גרעסטער וואונדער איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט נישט געהערט אַזאַ זאַך אַז עס זאָל געבוירן ווערן אַ נייע באַשעפעניש אין אַן ערוואַקסענעם עלטער, אין זעלבן הויז וואו ער האָט געלעבט ביז אַ פּאָר טעג פאַר זיין געבורט...

האָט רבי שמואל לוריא אָנגעוויזן אויף איינע פון די אָנוועזענדע און געזאָגט: 'איך האָב גערעדט וועגן דיר'... דערנאָך האָט ער געוויזן אויף אַ צווייטן, און געזאָגט: 'איך האָב גערעדט וועגן דיר...', און אַזוי וועגן אַלע אַרומיגע.

מיינענדיג צו זאָגן, אָט האָט איר נעכטן נאַכט צוריקגעגעבן אייערע נשמות צום באַשעפער אין הימל, און ער האָט עס געהאַלטן אַלס אַ פּקדון. אין משך פון דער צייט האָט דער אויבערשטער באַשלאָסן צוריקצוגעבן פאַר אייך אייערע נשמות, אין זעלבן הויז וואו איר וואוינט, אין זעלבן עלטער, און אין זעלבן מצב וואו איר זענט געווען ביז איר האָט איהם צוריקגעגעבן אייער נשמה, ווען איר האָט זיך געלייגט שלאָפן. איר דאַרפט זיך נאָר אַליין 'אָנכאַפּן', און פאַרשטיין אַז איר זענט אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט פונדאָסניי ווען איר זענט אויפגעשטאַנען אינדערפרי, און ממילא, דאַרף מען 'אַריינכאַפּן' און זעהן מקיים צו זיין וואָס מער מצוות און מעשים טובים.

דאָס הייסט, דער אויבערשטער גיט פאַר יעדן איד די מעגליכקייט צו פאַררעכטן דאָס וואָס ער דאַרף פאַררעכטן - 'לא פחות, ולא יותר'...

**זאָגט** רבי משה פיינשטיין, אַז פרשת במדבר האָט אַ גרויסע שייכות צום יום טוב שבועות, ווייל עס זענען דאָ מענטשן וואָס ווערן אָפּגעשוואַכט אין לערנען, ווייל זיי טראַכטן אַז זיי וועלן סיי־ווי נישט דערגרייכן אַ הויכע מדריגה אין תורה.

**צוליב** דעם שטייט דאָס וואָרט 'שאו' ביי דעם ענין פון ציילן (שמות ל, יב), ווייל אַזוי ווערט יעדער איד אויפגעהויבן פון זיין מדריגה, ווען ער זעהט אַז ער איז גליך געציילט צו ווערן מיט'ן זעלבן מספר ווי דער גרעסטער מענטש. יעדער איינער פון זיי ווערט געציילט נאָר ווי איין מענטש, און ממילא, קען ער דאָך אויך אָנקומען צו אַ הויכע מדריגה. צוליב דעם דאַרף מען פאַר יום טוב שבועות לייענען פרשת במדבר, וואָס איז די פרשה פון די ציילונגען, וואו עס שטייט 'שאו' - אויפהייבונג, כדי אונז צו לערנען אַז אויף אַזאַ אופן קען מען לערנען די תורה.

**בפרט** ווען דער מענטש איז זיך מתבונן און ער זעהט אַז די צאָל ווערט צוגעענדיגט דייקא דורך יעדן יחיד, און אויב ער וועט פעלן, וועט פעלן איינער פון גאַנצן מספר, קומט דאָך אויס אַז יעדער איד איז אַ טייל פון די 600 טויזנט נשמות ישראל, און אָן איהם, איז נישט מעגליך פאַר דעם גאַנצן כלל ישראל מקבל צו זיין די תורה, ווייל אויב עס פעלט אַפילו איינער פון די צאָל, שפירט מען דעם חסרון אין גאַנצן כלל[ג], ווי עס שטייט אין ספה"ק 'מאור עינים' (אָנהייב פרשת במדבר), אַז ס'איז נישט מעגליך אַז עס זאָל פעלן אַפילו איין איד. אַפילו נשמות וואָס זענען געפאַלן ח"ו, דאָס הייסט, נשמות פון רשעים, איז נישט מעגליך זיי זאָלן פאַרלוירן גיין ח"ו. 'חשב מחשבות לבלתי יודח ממנו נדח'.

**ענליך** טייטשט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע ('ליקוטי הרי"ם', ריש פרשת שמות) די ווערטער פון רש"י (שמות א, א) אין נאָמען פון חז"ל, אַז די אידן זענען צוגעגליכן צו די שטערן. זאָגט דער 'חידושי הרי"ם', פונקט אַזוי ווי די שטערן, ווען מ'קוקט אויף זיי פונדערווייטענס, זעהט מען אַז זיי זענען גאָר אַסאַך, אָבער פונדעסטוועגן, אויב מ'זאָל שטיין נאָנט צו זיי זעהט מען אַז יעדער שטערן איז אַ גרויסע וועלט פאַר זיך. דאָס זעלבע איז מיט יעדן איד! אפי' אויב ער איז אַ חלק פונעם כלל, איז ער אַליין אַן 'עולם מלא', מיט אַן אייגנאַרטיגע שליחות.

**בעצרת נידונים - שבועות איז דער ראש השנה פאַר רוחניות**

**די** גמרא (ר"ה טז.) זאָגט, אַז שבועות משפט מען די פירות אויפ'ן בוים, אויב זיי זאָלן זיין געראָטן אָדער נישט. פון דעם לערנען חז"ל אַרויס (מגילה לא.) 'עצרת נמי ראש השנה הוא' - שבועות איז אויך אַ בחינה פון 'ראש השנה'.

**שרייבט** טאַקע דער של"ה הקדוש אויף דעם (מסכת שבועות, פרק נר מצוה, אות יט), אַז דער הייליגער יום טוב שבועות, איז אויך אַ 'יום הדין' פאַר רוחניות'דיגע ענינים[ד].

**דער** של"ה הקדוש ברענגט אַ מקור דערצו, פון ספר 'תולעת יעקב' (דף נח.), וואָס ער שרייבט: וויסן

**ג.** ביי אַ ספר תורה איז די הלכה, אַז אויב עס פעלט אַפילו איין אות, איז די ספר תורה פסול. זעהען מיר פון דעם, אַז נאָר דורך אַלע זעקס הונדערט טויזענט אידישע נשמות, ווערט אַ 'קומה שלימה'. ממילא, טאָר דער יחיד נישט פאַלן ביי זיך און זיך נישט מייאש זיין ח"ו, נאָר ער זאָל וויסן אַז דער אויבערשטער האָט איהם אויסגעקליבן מקבל צו זיין די תורה, און ער גליסט צו זעהן זיין עבודה און די מצוות וואָס ער איז מקיים.

אַזוי טייטשן די ספרים די ווערטער פון דעם אמורא רב יוסף (פסחים סח:) 'אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא'. ביי די גוים, זענען דאָ אַסאַך 'יוספ'ס'. אַסאַך מענטשן מיט'ן זעלבן נאָמען און דער זעלבער מהות, אָן אַ חשיבות פאַר יעדן יחיד באַזונדער. אָבער נאָך דעם טאָג מתן תורה, איז שוין נישט דאָ 'אַסאַך יוספ'ס', נאָר יעדער 'יוסף' האָט אַ באַזונדערן תפקיד אויף דער וועלט, און דער אויבערשטער גליסט צו איהם...

**ד.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, די פאָלגענדע וואונדערליכע פאַסירונג: איך האָב די זכיה פאַרצולערנען אַ שיעור אין 'דף היומי', שוין קרוב צו זעקס יאָר, פאַר אַ גרויסע קבוצה אידן לומדים אין טבריא. מיר לערנען דעם שיעור טאָג־טעגליך, שבת, וואָכן, יום טוב, און אַפילו 'בין הזמנים', ערב פסח, און מוצאי תשעה באב. איך קום ב"ה יעדן טאָג פאָרלערנען דעם שיעור, און אויב עס מאַכט זיך אַמאָל אַז איך קען נישט קומען פאָרלערנען (צום ביישפיל, אויב איך דאַרף אַוועקפאָרן אויף שבת, וכדומה), שטעל איך אַ פאַרטרעטער, פאַרצולערנען דעם שיעור אנשטאט מיר.

**שבת פרשת תזריע מצורע תשפ"ה**, בין איך אַוועקגעפאָרן פונדערהיים אויף אַ שמחה, און איך האָב אָפּגעשמועסט מיט אַ חשוב'ן יונגערמאַן, אַז ער זאָל שבת נאָכמיטאָג, פאָרלערנען דעם שיעור אנשטאט מיר. מ'האָט דעמאָלס אָנגעהויבן מסכת שבועות, דעם ערשטן בלאַט, דף ב'. איך האָב זיך געשפּירט אַביסל אומאנגענעם אַז כ'וועל נישט פאָרלערנען דעם ערשטן בלאַט פון די נייע מסכתא, אָבער קיין אַנדערע ברירה האָב איך דאָך נישט געהאַט.

זונטאָג, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין טבריא, און כ'האָב באַגעגנט דעם יונגערמאַן וואָס איך האָב איהם געבעטן פאָרצולערנען שבת נאָכמיטאָג דעם 'דף' אנשטאט מיר, האָב איך איהם געפרעגט ווי אַזוי ס'איז געווען דער שיעור, האָט ער מיר געענטפערט אין אַ פאַרלעגנהייט, אַז **ער האָט פאַרגעסן צו געבן דעם שיעור...** ס'איז איהם אַרויס פון קאָפּ... ער האָט זיך צוגעגרייט דעם גאַנצן דף, אָבער למעשה, האָט ער נישט פאָרגעלערנט דעם שיעור. איך האָב זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווייל קיינער פון די געוועגליכע מיטלערנער ביים שיעור האָבן מיר נישט איבערגעגעבן אַז מיין 'ממלא מקום' איז נישט אָנגעקומען, און אַז מ'האָט נישט געלערנט דעם שיעור... איך האָב באַלד טעלעפאָנירט צו אַ יונגערמאַן, איינער פון די טעגליכע מיטלערנער, און כ'האָב איהם געפרעגט, אויב מ'האָט שבת געלערנט דעם שיעור. ענטפערט מיר דער יונגערמאַן: 'לא יאומן כי יסופר'. מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט, אָבער אייער 'ממלא מקום' איז נישט אָנגעקומען. דאַן איז אַריינגעקומען אין שול איינער פון די קביעות'דיגע מתפללים, אַ איד מיט'ן נאָמען ר' שלמה, וועלכער אַרבעט אַלס אַ 'מלמד דרדקי' אין אַ 'חדר'. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול, האָט איינער פון די וואָס האָבן געוואַרט צו הערן דעם שיעור אין 'דף היומי', זיך אָנגערופן: אָה, דער 'מגיד שיעור' איז אָנגעקומען... האָט ר' שלמה געפרעגט וואו מ'האַלט דאָ, און זיי האָבן איהם געענטפערט, אַז זיי הייבן היינט אָן מסכת שבועות, און ר' שלמה האָט באַלד אָנגעהויבן זאָגן די ערשטע משנה אויסווייניג... דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן אָרט פונעם מגיד שיעור, און האָט פאָרגעלערנט אויף אויסווייניג דעם גאַנצן ערשטן בלאַט פון די מסכתא...

דערציילט דער יונגערמאַן ווייטער, אַז זיי זענען געווען אין אַ 'שאָק', ווי מ'זאָגט, ווייל זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז דער דאָזיגער איד, ר' שלמה, איז אַ 'בקי בש"ס', זיך צו קענען אַוועקזעצן און פאָרלערנען דעם ערשטן בלאַט פון מסכת שבועות בעל פה... האָט ר' שלמה זיי 'באַרואיגט' און געזאָגט: ניין, איר זאָלט מיך נישט 'חושד זיין' אַז איך בין אַ 'באַהאַלטענער גאון'... נאָר לעצטענס האָב איך אויף זיך גענומען אַ קבלה צו ענדיגן מסכת שבועות, און איך האָב באַשלאָסן אַז איך וויל קענען די מסכתא אויסווייניג. ליידער, אָבער, האָב איך געטוהן ווי איך טוה יעדעס מאָל, איך הייב אָן צו לערנען דף ב', און ביי דעם בלייבט עס... דף ב' האָב איך אָבער שוין אַדורכגעלערנט דרייסיג מאָל, און **דאָס איז דער איינציגער בלאַט אין גאַנץ ש"ס, וואָס איך קען אויסווייניג...**

און דער יונגערמאַן האָט אויסגעפירט, אַז מיר האָבן דאַן געזעהן די וואונדערליכע וועגן פון די השגחה עליונה, אַז דער אויבערשטער האָט מקדים געווען פאַר אונז אַ לייזונג פון פריער, כדי אַז אויב דער מגיד שיעור וועט נישט אָנקומען צום שיעור, זאָל אַריינקומען אַ איד וואָס קען קלאָר נאָר איין דף אין גאַנץ ש"ס, און טאַקע דעם דף וואָס מיר ווילן יעצט לערנען...

פון דעם זעהט מען **דעם כח פון אַ קביעות שיעור**, אַז מ'האָט פון הימל געהאָלפן די אידן אָנהאַלטן זייער קביעות'דיגן שיעור, וויבאַלד זיי טוהען פון זייער זייט, אַלע מעגליכע פעולות נישט צו פאַרפעלן צו קומען צום שיעור.

אַ בחור האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, וועגן אַ סדר הלימוד וואָס ער זאָל פאַר זיך אַוועקשטעלן. האָט רבי שלמה זלמן איהם געראַטן צו באַשטימען איין סדר פון 'חזרה', איבערצו'חזר'ן אַלעס וואָס ער האָט געלערנט אין די פריערדיגע זמנים... האָט דער בחור געזאָגט צו רבי שלמה זלמן: איך האָב נישט קיין צייט מוסיף צו זיין נאָך אַ שיעור צו מיינע שיעורים...

ווען דער בחור האָט געפרעגט רבי שלמה זלמן'ען זיין שאלה, איז פונקט דעמאָלס געלעגן אויפ'ן טיש אַ ספר וואָס איז געווען צוגעגרייט צו געבן עס אַלס אַ 'דרשה-געשאַנק' פאַר אַ בר-מצוה בחור, און ס'איז געווען איינגעוויקלט מיט שיינעם פּאַפּיר, און אויך מיט אַ 'גומי' (Rubber-Band בלע"ז). האָט רבי שלמה זלמן אַראָפּגענומען דעם 'גומי', און ער האָט געוויזן פאַר דעם בחור ווי דער 'גומי', וואָס האָט פריער אַרומגענומען דאָס גאַנצע ספר, איז פּלוצלינג געוואָרן איינגעצויגן-קליין, ממש אַ צענטל פון זיין פריערדיגע גרויס. און רבי שלמה זלמן האָט געזאָגט צו דעם בחור:

זאָלסטו, אַז פּונקט אַזוי ווי ראש השנה האָט דער אויבערשטער געוואָלט נאָכקוקן די מעשים פון די מענטשן, ווייל ס'איז די ערשטע טאָג פון דער בריאה, ווען די וועלט איז באשאפן געוואָרן, אַזוי האָט דער אויבערשטער אויך געוואָלט אין דעם טאָג פון מתן תורה, וואָס ווייזט אויף די באַנייאונג פון דער וועלט, נאָכצוקוקן די מעשים פון דער וועלט, און משפּט'ן די פּירות פונעם בוים.

**ער** שרייבט ווייטער: די 'פּירות' זענען די נשמות וואָס פליען אַראָפּ פון דעם בוים פונעם באַשעפער, און די וועלט ווערט גע'משפט אין דעם טאָג אויף די תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן אין דעם טאָג, אויב מ'האָט חלילה מבטל געווען פון קיום התורה. דאָס איז דער פשט 'על פירות האילן', די נשמות ווערן גע'משפט אויף דעם וואָס זיי האָבן זיך נישט משלים געווען אין תורה און מצוות ווי עס דאַרף צו זיין.

**אידישע** קינדער זענען אַזוי ווי די פרוכט פון 'ביכורים', פון דעם אויבערשטען כביכול, און אין יום טוב שבועות באַשטימט דער אויבערשטער פאַר יעדן מענטשן וויפיל חלקים אין רוחניות, ער זאָל זוכה זיין צו האָבן אין משך פונעם יאָר, 'לו ולזרעו לדורותם'. צוליב דעם איז מען מחויב אַסאַך מתפלל זיין, ווייל אונזערע נשמות זענען דאך אָנגעוויזן אויף אַזויפיל רחמים סייעתא דשמיא[ה].

**דער** 'שפת אמת' זי"ע שרייבט (שבועות, תרס"א) אַז די כוונה פון 'פירות האילן' גייט אויף דעם מענטש וואָס ער ווערט אָנגערופן אַ 'בוים': 'כי האדם עץ השדה'. אין דעם יום טוב שבועות, משפט מען וויפיל רוחניות'דיגע 'פרוכט' דער 'בוים' זאָל אַרויסגעבן. דאָס הייסט, וויפיל חידושי תורה מ'זאָל מחדש זיין אין משך פונעם קומענדיגן יאָר.

**'וכמו** שאילן מוציא פירות בכל שנה ושנה, כמו כן התורה מתחדשת פירותיה בכל שנה ושנה'. פונקט אַזוי ווי אַ בוים גיט אַרויס נייע פרוכטן יעדעס יאָר, אַזוי טוט די תורה יעדעס יאָר באַנייען אירע 'פרוכטן'. צוליב דעם ווערט דער יום טוב שבועות אָנגערופן אין דער תורה 'יום הביכורים', פון לשון 'באַנייאונג', ווייל אין דעם טאָג באַקומט דער מענטש אַ באַשטימטע צאָל פון חידושים, וואָס ער וועט מחדש זיין אין משך פונעם קומענדיגן יאָר.

---

- זעהסטו, יעדע קליינע זאַך, קען מען פילפאַכיג אויסברייטערן, **אויב מ'וויל נאָר...** דאָס זעלבע איז מיט דיר, אויב דו וועסט נאָר וועלן, וועסטו קענען 'אויסברייטערן' דיין 'מעט לעת', און 'אַריינפּאַקן' אין איהם נאָך תורה און עבודת השם, און עס וועט דיר זיין וואויל און לעכטיג בזה ובבא...

דער גאון רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ בחור וואָס איז געפאָרן אין ישיבה, אַז ער זאָל זיך אַראָפּלערנען פונעם מנהג העולם. ס'איז די סדר ביי מענטשן, אַז ווען מ'פאָרט ערגעץ - צום ביישפיל, אַ בחור וואָס פאָרט לערנען אין אַ ישיבה - אויב ער וועט אַריינלייגן זיינע בגדים און שיך אָן אַ סדר, וועט דאָס רענצל ביז געציילטע סעקונדן איבערגעפילט ווערן, און מ'וועט מער גאָרנישט קענען אַריינלייגן דערין. ער דאַרף אַלעס אַריינלייגן **מיט אַ סדר**, וועט ער זעהן אַז אַלעס גייט אַריין אינעם רענצל, און עס וועט איהם נאָך בלייבן אָרט אַריינצולייגן אַנדערע זאַכן. דאָס זעלבע, אויב **דער מענטש שטעלט אויס זיין טאָג לויט אַ נאָרמאַלן סדר, וועט ער אייביג געפינען צייט צו לערנען נאָך און נאָך**, און דער וואָס שטעלט נישט אויס זיין טאָג ריכטיג, וועט דער טאָג אַדורכגיין מיט גאָרנישט...

אַזוי טייטשט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (ליקוטי הרי"ם, פ' בחוקותי) דעם פסוק (דברים כו, ט) ביי די ברכות: **'ופניתי אליכם והרביתי אתכם'**. אַן ערליכער איד האָט צייט ('ופניתי', איז פון לשון 'פנאי') פאַר אַלעם...

**ה.** הרה"ק רבי צדוק הכהן זי"ע פון לובלין, שרייבט (פרי צדיק, פ' נשא, אות ז) אין נאָמען פון 'ספר הזכות', פון הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס אין מדרש רבה, האָט פרשת נשא די מערסטע מאמרים, און אויך אין 'אידרא רבא' פון זוהר הקדוש איז דאָ אין פרשת נשא מער ווי אין אַנדערע פרשיות (אין 'איכות'), וויבאַלד מ'לייענט געוועונליך פרשת נשא שבת נאָך יום טוב שבועות, וואָס איז זמן מתן תורתינו, איז דעם שבת אַראָפּגעקומען אַ גרויסע השפעה אין תורה.

אַזוי דערציילט מען, אַז דער הייליגער רוזינער זי"ע פלעגט נישט זאָגן דברי תורה שבת פרשת במדבר. ער האָט געזאָגט דעם טעם דערפאַר: **'דאָס אַלטע, האָט מען שוין געענדיגט, און דאָס נייע האָב איך נאָך נישט מקבל געווען'**. דאָס הייסט, יעדעס יאָר שבועות קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אַ גרויסע שפע פון תורה.

**דער** 'שפת אמת' ברענגט אַראָפּ די ווערטער פון מדרש (שמ"ר פכ"ח, ו) אַז אַלע נביאים און חכמים האָבן באַקומען ביים באַרג סיני זייער חלק אין תורה, נאָר זייערע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן יעדעס איינע אין איר צייט. אַזוי אויך יעדעס יאָר אין יום טוב שבועות, 'זמן מתן תורתינו', באַקומען די אידן דעם חלק פון תורה וואָס ווערט באַנייט אויפ'ן גאַנצן יאָר, און שפּעטער ווערט עס אַרויסגעברענגט מכח אל הפועל, יעדער איינער אין זיין אָרט און זיין צייט.

**שרייבט** דער 'שפת אמת' ווייטער, אַז די באַנייאונג פון תורה ווענדעט זיך אין די הכנה פון דעם מענטש[ו], אַזוי ווי דער תנא זאָגט אין די משנה (אבות פ"ב מי"ב) 'והתקן עצמך ללמוד תורה, שאינה ירושה לך'. יעדער איינער דאַרף זיך צוגרייטן צו באַקומען אַ חלק פון די תורה וואָס ווערט יעדעס יאָר באַנייט, ווייל די תורה איז נישט אַ ירושה, נאָר עס ווערט כסדר באַנייט. 'ויום זה שורש התורה של כל השנה' - דער טאָג איז דער שורש פון די תורה פאַר'ן גאַנצן יאָר.

**ענליבע** ווערטער האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע: די טעג זענען אַזוי ווי טעג פון איינזייען תבואה. וואָס מער דער מענטש טוט איינזייען אין די יעצטיגע טעג, אַזוי פיל וועט ער שפּעטער קענען אָפּשניידן אין די טעג פונעם שניט[ז]. (ספר 'נאות הדשא', דברים מפי השמועה, שבועות, אות ג)

### המה יעלו בהר - דער נחת רוח פון אַ מענטש וואָס האָט אַ יצר הרע

**אין** די פרשה פון קבלת התורה, זאָגט דער פסוק (שמות יט, יז) 'ויתיצבו בתחתית ההר', און די גמרא דרש'ענט פון דעם פסוק (שבת פח.) אַז דער אויבערשטער האָט איבערגעבויגן דעם באַרג סיני אויף די אידן אַזוי ווי אַ פלעשל, און ער האָט זיי געצוואונגען מקבל צו זיין די תורה. פרעגט תוספות (ד"ה 'כפה'), די אידן האָבן דאָך שוין געזאָגט 'נעשה ונשמע', און מקבל געווען די תורה מיט זייער אייגענעם ווילן. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט איבערבייגן אויף זיי דעם באַרג[ח]?

**ענטפערט** דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע ('כתר שם טוב', מז) אַז עס איז נישט אַזאַ רבותא אויסצושרייען 'נעשה ונשמע', ווען מ'איז אויסגעלייטערט נאָך 49 טעג פון ספירה, ווען מ'האָט זיך געגרייט צו קבלת התורה. און וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געוואוסט אַז זיי וועלן נישט אייביג בלייבן אין אַזאַ גוטן מצב ברוחניות. עס וועלן אויך קומען טונקעלע טעג, האָט ער איבערגעבויגן דעם באַרג אויף זיי, אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך דעם עול תורה אין יעדן מצב, אויך ווען זיי דאַרפן זיך צווינגען דערצו, און דאָס איז טאַקע דער עיקר תכלית פון קבלת התורה.

**ענליך** האָט אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע געזאָגט, חז"ל זאָגן אַז ווען די אידן זענען

---

**ו.** לויט דעם קען מען פאַרשטיין די ווערטער פונעם 'אור המאיר' (דרוש ספירת העומר, ד"ה 'ואיתא בזוהר'), אַז יעדעס יאָר איז דאָ נייע בחינה פון קבלת התורה. די קבלת התורה איז קיינמאָל נישט אין די זעלבע בחינה פון אַ יאָר פריער, נאָר עס ווערט שטענדיג באַנייט אויף אַן אַנדערן אופן. דער טעם דערפון איז, ווייל **אַלעס ווענדעט זיך אין די הכנה פון אידישע קינדער**. די הכנה פון היי יאָר, איז אַנדערש ווי די הכנות אין די פריערדיגע יאָרן.

**ז.** דער אַמשינובער רבי הרה"ק רבי מאיר'ל זי"ע האָט אַמאָל ערב שבועות געזאָגט צו איינע פון זיינע חסידים, 'דו זאָלסט נישט זיין אַ שוטה'. אויף די פאַרוואונדערונג פונעם חסיד, האָט דער אַמשינובער רבי איהם ערקלערט: די גמרא זאָגט דאָך (חגיגה ד.) 'איזהו שוטה זה המאבד כל מה שנותנים לו'. אַ שוטה איז דער מענטש וואָס פאַרלירט אַלעס וואָס מ'גיט איהם, און יעצט האָט דאָך יעדער איד אַ שעת הכושר צו שטייגן אָן אַ שיעור ברוחניות, נאָר אויב מ'טוט זיך נישט 'אויסטשוכען' אויפצוכאַפּן פון די לעכטיגקייט און פון די שפע וואָס קומט אַראָפּ מיט אַ 'אתערותא דלעילא', בלייבט מען ח"ו אָן גאָרנישט. קומט אויס, אַז דער מענטש פאַרלירט אַ גוטע מתנה וואָס מ'האָט איהם געשאָנקען.

**ח.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע פאַרענטפערט די קשיא פון תוספות, פאַרוואָס עס האָט אויסגעפעלט צו געבן די תורה אויף דעם אופן, ווייל **דעם אויבערשטען'ס רצון איז געווען אַז אויך דאָס וואָס דער מענטש לערנט בעצוואונגענערהייט, ווען ער האָט נישט קיין חשק צום לערנען, זאָל עס אויך גערעכנט ווערן אַלס תורה!**

געשטאַנען אויף'ן באַרג סיני, האָט די 'זוהמא' זיך אָפּגעטוהן פון זיי, און דער יצר הרע איז אינגאַנצן בטל געוואָרן, און אין אַזאַ מצב, טוט נישט דער אויבערשטער גליסטן אין די עבודה פון אידישע קינדער, ווייל ער האָט דאָך אויבן אין הימל צענדליגער טויזנטער מלאכים, שרפים און אופנים וואָס האָבן נישט אַ יצר הרע. ער דאַרף נישט אָנקומען אויך צו די מענטשן אויף דער וועלט, אויב זיי האָבן נישט אַ יצר הרע[ט].

**צוליב** דעם האָט דער אויבערשטער איבערגעבויגן איבער זיי דעם 'באַרג', וואָס איז מרמז אויף דעם יצר הרע (סוכה נב.). דאָס מיינט אַז ער האָט זיי צוריקגעגעבן דעם יצר הרע אַזוי ווי פריער', און אַזוי

---

**ט.** דער מדרש זאָגט, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט די צוויי ערשטע דיברות, 'אנכי', און 'לא יהיה לך', איז דער יצר הרע געוואָרן אויסגעריסן פון זייערע הערצער, און ווען די אידן האָבן געזאָגט צו משה רבינו ע"ה 'דבר אתה עמנו', האָבן זיי צוריקבאַקומען דעם יצר הרע.

פרעגט דער גאון רבי ישעיה מושקאַט זצ"ל, אין ספר 'ראשי בשמים' (פ' יתרו, ד"ה 'אנכי'), פון דעם פסוק (דברים ה, כד) 'מי יתן והיה לבבם זה להם', איז דאָך משמע אַז זיי האָבן גוט געטוהן ווען זיי האָבן געזאָגט 'דבר אתה עמנו', אַז משה זאָל רעדן מיט זיי, כאָטש זיי האָבן דורך דעם צוריקבאַקומען דעם יצר הרע.

ענטפערט דער 'ראשי בשמים', אַז ווען די אידן האָבן געזעהן אַז דער יצר הרע איז אַוועקגענומען געוואָרן פון זייערע הערצער, האָבן זיי געהאַט צער דערפון, ווייל **די הויפּט-עבודה פון אַ איד איז ווען ער האָט אַ יצר הרע און ער שטאַרקט זיך אויף איהם.** צוליב דעם האָבן די אידן געזאָגט 'דבר אתה עמנו', אַז משה רבינו ע"ה זאָל רעדן מיט זיי, כדי **זיי זאָלן צוריקבאַקומען דעם יצר הרע.** מיט דעם האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסן נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען, און ער האָט געזאָגט 'מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי'. דאָס וואָרט **'לבבם'** איז משמע, אַז דער אויבערשטער האָט הנאה אַז זיי האָבן געוואָלט האָבן דעם יצר הרע, ווי חז"ל דרש'ענען (ברכות נד.), אַז די כוונה פון פסוק 'ואהבת את ה' אלוקיך בכל **לבבך**', איז 'בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע'.

**י.** הרה"ק בעל 'דברי שמואל' מ'סלאנים זי"ע, איז אַמאָל געפאָרן מיט'ן באַן. זיצנדיג אין אַ געוועגליכן וואַגאָן, האָט דער 'דברי שמואל' באַמערקט פון זיין אָרט, אַז אינעם ערשטן וואַגאָן פונעם באַן (וואָס איז באַשטימט פאַר רייכע לייט) טומלט זיך אַרום איינע פון די פּאַסאַזשירן וואָס איז נישט געווען אַ שומר תורה ומצוות. האָט דער סלאָנימער רבי זיך אינטערעסירט ווער דאָס איז, און ווען ער האָט געהערט אַז יענער האָט אַמאָל געלערנט אין זיין ישיבה, און איז שפּעטער ליידער קאַליע געוואָרן, האָט ער געהייסן מ'זאָל איהם צורופן צו איהם. כאָטש יענער איז שוין געווען רייך און ער האָט פאַרלאָזט אידישקייט, אָבער יעצט, ווען זיין געוועזענער רבי האָט איהם צוגערופן, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם, מפני הכבוד.

ווען דער 'דברי שמואל' האָט איהם געפרעגט אויף וויפיל מ'שאַצט זיין פאַרמעגן, האָט יענער געענטפערט חוצפה'דיג: 'רבי, וואָס איז אַ נפקא מינה?... איך וועל דייך אייך סיי-ווי גאָרנישט געבן...'. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, ביז דער עושר האָט געענטפערט, 'מיין פאַרמעגן ווערט געשאַצט אויף צוויי מיליאָן גאָלדענע רענדלעך'. האָט דער 'דברי שמואל' איהם געזאָגט:

## מן הבאר

אויף דעם פסוק (שמות יט, ב) 'ויחן שם ישראל **נגד** ההר', זאָגט רש"י, אַז איבעראַל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'נגד', מיינט עס מיט דעם פנים צו די מזרח-זייט. האָט אויף דעם געזאָגט דער קאָצקער רבי זי"ע, כל מקום שאתה מוצא 'נגד'. **אויב דו האָסט אַ 'התנגדות'** ('נגד'), **שוועריגקייטן וואָס שטערן דיך צו דינען דעם אויבערשטען, איז אַ סימן אַז דו שטייסט מיט דיין 'פנים צום מזרח'** - דו גייסט אויף דעם גוטן און ערליכן וועג.

על דרך צחות, ווען מ'זעהט ווי איין מענטש שלאָגט אַן אַנדערן מענטש, איז אַ סימן אַז דער געשלאָגענער לעבט נאָך. אויב ער וואָלט שוין נישט געלעבט וואָלט דאָך יענער איהם נישט געשלאָגן. דאָס זעלבע איז ברוחניות. אַזוי לאַנג ווי דער יצר הרע קעמפט און פּרובירט זיך שטאַרקן אויף דעם מענטש, איז דאָס דער בעסטער סימן אַז דער מענטש 'לעבט', און דער יצר הרע האָט גרויסע 'פּאַרדינסטן', פונעם רייצן זיך מיט איהם...

האָבן זיי צוריקבאַקומען די מעלה, אַז יעצט האָבן זיי שוין געהאַט אַ סיבה פאַרוואָס מלחמה צו האַלטן[א].

- איך געדענק דיך אַלס בחור, ווען דו האָסט געלערנט ביי אונז אין דער סלאָנימער ישיבה. שוין דעמאָלס האָט דיין גאַנץ 'אידישקייט' נישט געהאַט קיין שום ווערד, און איך וואָלט נישט באַצאָלט דערפאַר אַפילו אַ 'שמעק טאַבאַק', און דאָ זעה איך און איך באַוואונדער מיט שטוינונג, ווי אַפילו אַזאַ קליין ביסל תורה און מצוות האָט נאָך אַ ווערד אויף אַזוי ווייט, אַז דער יצר הרע האָט פאַרשטאַנען אַז ס'איז כדאי פאַר איהם צו 'אינוועסטירן' צוויי מיליאָן גאָלדענע רענדלעך, כדי דיך צו שטערן און אָוועקנעמען פון דיר דאָס ביסל אידישקייט וואָס דו האָסט נאָך פאַרמאָגט. ממילא, **אויב דער יצר הרע פאַרשטייט וויפיל יעדער 'משהו' פון עבודת השם איז ווערד, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי, אַז מיר, ערליכע אידן, דאַרפן וויסן אָפּצושאַצן די חשיבות פון יעדע התגברות אויפ'ן יצר הרע.**

נאָך אַ מעשה האָט פאַסירט ביי דעם 'דברי שמואל', אַז איין יאָר שבת פרשת שלח, ביים לייענען אין דער תורה דעם פסוק (במדבר יד, ט) **'אך בה' אל תמרודו'**, האָט ער זיך שטאַרק צעפייערט און געשריגן דעם פסוק מיט התלהבות. בשעת מעשה, איז דאָרט געווען דער באַקאַנטער געהויבענער סלאָנימער חסיד רבי מענדל וועג זצ"ל, וועלכער האָט געוואוינט אין ארץ ישראל, און דאָס געשריי פונעם רבי'ן ביים זאָגן דעם פסוק 'אך בה' אל תמרודו', איז איהם 'אַריין אין די ביינער', ווי מ'זאָגט. ער פלעגט שפּעטער, אַלע זיינע יאָרן, כסדר חזר'ן דעם פסוק 'אך בה' אל תמרודו', מיט די תנועה וואָס דער רבי, דער 'דברי שמואל' האָט עס געזאָגט ביים לייענען.

פופציג יאָר שפּעטער, אין אַ מאָנטאָג פרשת שלח, נאָכ'ן דאַווענען שחרית, זענען געזעסן די אידן אין די סלאָנימער שול אין טבריא און געשמועסט. האָט הרה"ח ר' יעקב פוקסמאַן, אַן איידים פון רבי מענדל וועג, דערציילט ווי זיין שווער פלעגט שטענדיג חזר'ן די תנועה פונעם רבי'ן אויף דעם פסוק 'אך בה' אל תמרודו'.

בשעת דעם שמועס, איז דאָרט געזעסן איינע פון די חסידים, רבי מאָטיל בוימל זצ"ל, וועלכער איז זייער נתעורר געוואָרן פון דעם אויסרוף 'אך בה' אל תמרודו'. שפּעטער, ווען רבי מאָטיל איז אַרויס פון ביהמ"ד, האָט אַ קאַר איהם אַראָפּגעקלאַפּט און ער איז אויפ'ן אָרט אַוועק פון דער וועלט רח"ל.

אין די וואָך פון די 'שבעה', ווען דער שפּעטערדיגער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זצ"ל, איז געקומען מנחם אבל זיין די משפּחה, און געהערט פון די משפּחה ווי זייער פאָטער איז אַוועק פון דער וועלט מיט אַ הרהור תשובה, ווען ער איז נתעורר געוואָרן פון דעם רבינ'ס תנועה אויף 'אך בה' אל תמרודו', האָט דער 'ברכת אברהם' געזאָגט:

- זעהט נאָר דעם גרויסן כח וואָס עס פאַרמאָגן די צדיקים, וואָס זיי האָבן מעורר געווען אידן צו תשובה ביים אויסשרייען דעם פסוק 'אך בה' אל תמרודו', אַז פופציג יאָר שפּעטער, חזר'ט מען נאָך די ווערטער מיט די זעלבע התלהבות, און מ'ווערט נתעורר צו תשובה פונעם דעם האַרצליכן אויסגעשריי.

איינע פון די חשוב'ע ראשי ישיבות אין ארץ ישראל האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָט אַ טאַטע פון אַ בחור איהם געפרעגט איבער דעם מצב פון זיין זון וואָס לערנט אין ישיבה. פון זיין ענטפער, האָט דער פאָטער פון דעם בחור פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָ אַן אָרט פאַר זיין זון זיך צו פאַרבעסערן, ווייל ער איז אַן 'עולה ויורד', סיי אין די לימודים, און אַזוי אין אַנדערע עניינים. האָט דער טאַטע פונעם בחור געזאָגט צום ראש ישיבה: איך בין אַ האַרץ-דאָקטאָר, און איך ווייס אַז דאָס האַרץ טוט מען אונטערזוכן מיט אַן 'עי-קעי-דזשי' מאַשין, וואָס ווייזט שטריכן לויט דעם מצב פונעם האַרץ. **אויב די שטריכן גייען אַרויף און אַראָפּ, איז עס אַ סימן אַז דער מענטש לעבט נאָך**, און אפי' אויב זיין מצב איז נישט אַזוי גוט קען מען איהם אָבער נאָך ראַטעווען און צוריק אויסהיילן, אָבער אויב די מאַשין ווייזט שוין אַ גראָדן שטריך, איז עס אַ סימן אַז ער לעבט שוין נישט רח"ל. דאָס זעלבע איז מיט דעם בחור וואָס איר זאָגט אַז ער איז אַן 'עולה ויורד'. דאָס איז אָבער אַ סימן אַז ער 'לעבט נאָך', און מ"קען איהם נאָך ראַטעווען...

**יא.** הרה"ק בעל 'חובת התלמידים' זי"ע, אין ספר 'דרך המלך' (ליל ב' דשבועות תרפ"ט), **אַז אין יום טוב שבועות באַקומט יעדער איד אַ 'נבואה סתומה'**. דאָס איז דער חלק וואָס ער וועט משיג זיין אין די תורה אין משך פון גאַנצן יאָר. ס'איז אָבער פאַרהוילן פון דעם מענטש, און די הארות און התעוררות צו וועלכע ער איז זוכה אינמיטן יאָר, דערגרייכן איהם פון דעם אוצר וואָס ער האָט באַקומען אין יום טוב שבועות.

### אבינו אב הרחמן - שבועות איז די צייט מתפלל צו זיין אויף הצלחה אין תורה

**ס'איז** זעלבסט-פארשטענדליך, אז אויב שבועות איז א 'יום הדין' פאר רוחניות, איז דאך עס די צייט צו מתפלל זיין און בעטן ביים באשעפער אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה, און אז מיר זאלן זוכה זיין צו הצלחה אין תורה און יראת שמים[יב], און אזוי קען מען אויס'פועל'ן גרויסע ישועות ברוחניות[יג], זוכה צו זיין מקבל צו זיין די תורה באמת און מיט'ן גאנצן הארץ[יד], פאר זיך און פאר די קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות על ישראל שלום.

**אזוי** שרייבט דער 'פלא יועץ' (ערך עצרת) אז עס איז א 'דבר בעתו', 'לשפוך נפשו בימים האלה ובזמן

---

### מן הבאר

דער 'אור המאיר' שרייבט (מגילת רות, ד"ה 'או יאמר וכן אדם'), אויפ'ן פסוק (שמות יט, יט) 'ויהי קול השופר הולך **וחזק** מאד'. דער טייטש פון ווארט 'חזק' קען אויך זיין 'האלטן', פון לשון פון די גמרא (עירובין יד.) 'ים שעשה שלמה היה **מחזיק** מאה וחמשים מקוה טהרה'. דאס איז די כוונה אז דער קול פונעם שופר איז געווען 'הולך וחזק מאד', **אז די שפע וואס איז אראפגעקומען ביים בארג סיני, האט 'געהאלטן' אלעס וואס יעדער 'תלמיד ותיק' וועט מחדש זיין, עד סוף כל הדורות. און דאס חזר'ט זיך איבער יעדעס יאר פונדאסניי.**

---

**יב.** דער 'שפת אמת' שרייבט (שבועות תרמ"ג, ד"ה וכו'), דער פסוק זאגט (תהלים קמה, יח) 'קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת'. 'אמת' מיינט מען די תורה (ע"ז ד:). דאס איז א רמז, אז **יעדע תפילה וואס קומט מיט דברי תורה, ווערט אנגענומען אין הימל**, אזוי ווי די גמרא זאגט (ברכות לא.) 'כדי לעמוד בתפילה מתוך דברי תורה'. און אוודאי און אוודאי אין דעם הייליגן טאג פון **יום טוב שבועות, וואס איז 'כולו תורה', איז עס אן 'עת רצון' מתפלל צו זיין צום באשעפער אז מ'זאל זוכה זיין צו די תורה הקדושה**, און דערפאר איז דער רמז אין דעם וואס מיר לייענען מגילת רות, וואס פון איר איז ארויסגעקומען דוד המלך ע"ה, וואס ער איז דער שורש פון תפילה, עכ"ל.

**יג.** דער גאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל האט געזאגט אז כאטש חז"ל זאגן (ב"מ נט.) אז זינט דעם חורבן בית המקדש זענען די טויערן פון תפילה פארשלאסן, איז אבער דא **איין תפילה וואס ווערט געענטפערט אייביג, אין יעדן מצב, און עס איז 'בדוק ומנוסה'. דאס איז די תפילה אויף סייעתא דשמיא אין רוחניות.** (ספר 'מכתב מאליהו', ח"ד)

באמת שטייט שוין קלאר אין 'ספר חסידים' (סי' קלא) אז אויב דער מענטש בעט אויף א זאך וואס איז א שבח פאר דעם אויבערשטען, צום ביישפיל, ער בעט אויף לימוד התורה אדער אן אנדערע זאך פון 'חפצי שמים', און ער גיסט זיך אויס דאס הארץ דערויף, טוט דער אויבערשטער הערן זיין תפילה, **אפילו אויב ער האט נישט קיין מעשים טובים.**

אזוי טייטשט רש"י (תהלים פא, יא) דעם פסוק 'הרחב פיך ואמלאהו', וואס די גמרא (ברכות נ.) זאגט אז דער פסוק רעדט וועגן דברי תורה. זאגט רש"י דארט אין תהלים, אז '**הרחב פיך - לשאול ממני כל תאות לבך**'. דו זאלסט בעטן פון מיר אלעס וואס דיין הארץ גליסט (ווען עס האנדלט זיך אין הצלחה אין תורה). '**ואמלאהו, ככל אשר תשאל אמלא**' - אלע בקשות וואס דו וועסט בעטן (פון הצלחה אין תורה), וועל איך ערפילן.

**יד.** הרה"ק רבי הירשעלע זידיטשויבער זי"ע, בעל 'עטרת צבי', פלעגט אין יום טוב שבועות זיך שטעלן דאווענען גאר פרי, און ער האט געדאווענט לאנגע שטונדן, ביז די שפעטע נאכמיטאג-שעה'ן. ממילא, אויב פריערדיגע צדיקים האבן אזוי מתפלל געווען אין יום טוב שבועות, וואס זאלן מיר שוין זאגן...

ענליך איז באקאנט אז אין בית המדרש פון הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, פלעגט מען שבועות מאריך זיין לאנגע שעה'ן ביים זאגן די ברכה פון 'אהבה רבה'. מ'האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ מיט התלהבות פאר'ן באשעפער, אז מ'זאל האבן הצלחה אין תורה און יראת שמים. זעהען מיר פון דעם א קלארע הוראה ווי אזוי פריערדיגע צדיקים האבן זיך געפירט, אז **מ'קען נישט מצליח זיין אין תורה און עבודת השם, נאר מיט'ן כח פון די תפילות וואס מ'איז מתפלל אין דעם טאג**, און דער אויבערשטער זאל אננעמען אונזערע תפילו לרחמים ולרצון, אמן.

איינער פון די תלמידים פונעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, איז געווארן אן איידים אין א שטאט נעבן ראפשיץ, און אויף יום טוב שבועות, איז ער געפארן צום הייליגן ראפשיצער רב זי"ע. ווען ער איז שפעטער געווען אין

הזה[טו], שיזכה הוא ובניו לכתרה של תורה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות'[טז].

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט מגילת רות אין יום טוב שבועות, ווייל ביים סוף פון מגילת רות ווערט דערציילט וועגן דעם געבורט פון דוד המלך ע"ה, דער 'נעים זמירות ישראל', וואָס דערפאַר הייסט זי טאַקע 'רות', ווייל פון איר האָט געשטאַמט דוד המלך ע"ה, 'שריווהו להקדוש ברוך הוא בשירות ותשבחות' (ברכות ז:) - ער האָט 'געזעטיגט' דעם אויבערשטען כביכול מיט זיינע שירות ותשבחות, און דוד המלך ע"ה זאָגט אַליין וועגן זיך, 'ואני תפילה', ווייל מ'קען נישט זוכה זיין צו תורה אָן תפילה'[יז], און מ'קען נישט זוכה זיין צו תפילה אָן תורה'[יח].

---

פרעשבורג, ביי זיין רבי'ן, דער 'חתם סופר', האָט דער 'חתם סופר' איהם געפרעגט וואו ער איז געוווען יום טוב, און ווען ער האָט געענטפערט אַז ער איז געוווען אין ראַפשיץ, האָט דער 'חתם סופר' איהם אויסגעפרעגט וואָס ער האָט דאָרט געזעהן און געהערט. האָט דער תלמיד פאַר איהם געשילדערט ווי אַזוי די ביהמ"ד האָט אויסגעזעהן ביי די ברכה פון 'אהבה רבה' שבועות בייטאָג, אַז דער גאַנצער עולם האָט פאַרגאָסן הייסע טרערן בעטנדיג 'והאר עינינו בתורתך'. ווען דער 'חתם סופר' האָט עס געהערט, האָט ער איז שטאַרק אויסגעלויבט.

אַזוי שרייבט אויך דער מונקאַטשער רב זי"ע, אין זיין ספר 'שער יששכר' (מאמר חג הביכורים, אות צג) **אַז די צדיקים און חסידים פירן זיך מאריך צו זיין ביי די ברכה פון 'אהבה רבה', אין דעם הייליגן טאָג פון יום טוב שבועות.**

די תלמידים פונעם גאון בעל 'חזון איש' זי"ע האָבן עדות געזאָגט (זעה 'מעשה איש', ח"ה, ע' קטו, אין נאָמען פון הגאון רבי יהודה טרעגער ז"ל, איידים פון דעם גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל), **אַז די תלמידים וואָס זענען געשטאַנען אונטער די בענקל** פונעם 'חזון איש' ביי תפילת שחרית אין יום טוב שבועות, האָבן געקענט זעהן אַז ווען ער איז אָנגעקומען צו די ברכה פון 'אהבה רבה', האָט זיין גאַנצער הייליגער גוף געציטערט און ער האָט פאַרגאָסן טרערן אַזוי ווי אַ קליין קינד.

**טו.** אַזוי זאָגט די וועלט, ווען מ'קומט צו אַ חתונה און מ'וויל וויסן ווער ס'איז דער 'מחותן', ווייל אַלע גייען דאָך אָנגעטוהן מיט בגדי שבת... אָבער **ווען מ'זעהט איינע פון די באַטייליגטע שטיין אין אַ זייט און וויינען אַז דער זיווג זאָל עולה יפה זיין, ווייסט מען אַז ער איז דער מחותן** - דער טאַטע פונעם חתן, אָדער פון די כלה. דער נמשל איז, דער 'מחותן' ביי די 'חתונה' צווישן דעם אויבערשטען און די אידן, איז דער וואָס שטייט און איז מתפלל 'והערב נא... אהבה רבה... והאר עינינו בתורתך, ודבק לבינו במצוותיך'. אַזוי ווערט מען אַ 'מחותן' מיט'ן אויבערשטען, דער נותן התורה כביכול.

**טז.** דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע האָט אַמאָל אין יום טוב שבועות געזאָגט, ראש השנה, פירט זיך דער אויבערשטער אַזוי ווי אַ קעניג: 'מלך במשפט יעמיד ארץ' (משלי כט, ד), און מיר ווייסן אַז 'מלך שמחל על כבודו, אין כבודו מחול' (קידושין לב:). אַ קעניג קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד. אָבער ביי אַ רבי'ן, פסק'ענען מיר אַז 'רב שמחל על כבודו, כבודו מחול'. ממילא, יו"ט שבועות דאַרף דער אויבערשטער כביכול מוחל זיין פאַר די אידן אַלע זייערע עבירות.

**יז.** די ספרים זאָגן, אַז די יאָרצייט פון דוד המלך ע"ה איז אין שבועות, דער יום טוב פון מתן תורה, ווייל דוד המלך האָט דאָך פאַרפאַסט ספר תהלים, און די גמרא זאָגט (מגילה יח.) 'כיון שבא דוד, באתה תפילה'. דעריבער איז די יאָרצייט פון דוד אין שבועות, מרמז צו זיין אַז **מ'דאַרף אַסאַך מתפלל זיין אַז מ'זאָל זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה.**

דער 'כף החיים' (סי' תצד, סל"ד) רעדט אַרום וועגן די סגולה פון זאָגן און לערנען ספר תהלים אין יום טוב שבועות. ער שרייבט: **אין דעם הייליגן טאָג ווען עס איז דוד המלך'ס יאָרצייט, גייט נאָך מער אַרויף לרצון דאָס זאָגן זיינע שירות ותשבחות.**

אַזוי שרייבט אויך דער 'בן איש חי' (שנה א, במדבר ד) **אַז מ'פירט זיך אויסצוזאָגן גאַנץ ספר תהלים אין יום טוב שבועות.**

**יח.** הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין, האָט געהאַט אויך אין פוילן חסידים, וואָס זענען געוווען גרויסע למדנים. איינמאָל ווען זיי האָבן זיך געזעגנט ביים אַוועקפאָרן פון קאַרלין, האָט דער 'בית אהרן' זיי געזאָגט: אין פוילן האָט מען ליב צו לערנען. אויך מיר האָבן ליב צו לערנען, אָבער מיר טייטשן די ווערטער פון חז"ל (מגילה כח:) 'שמעתתא בעי צילותא', **אַז כדי זוכה צו זיין צו די כתר תורה, מוז מען אַסאַך מתפלל זיין דערויף... און אויך פאַרקערט, אַז תפילה דאַרף אָנקומען צו תורה** (געברענגט אין ספר 'ברכת אהרן', ע' קח).

אַזוי טייטשט דער 'תרגום יונתן' דאס וואס יתרו האט געזאגט צו משה רבינו ע"ה (שמות יח, כ) 'והזהרתה אתהם את החוקים ואת התורות, והודעת להם את הדרך ילכו בה'. טייטשט דער 'תרגום יונתן': 'ותהודע להון ית צלותא דייצלון בבית כנשתהון'. דאָס מיינט, דו זאָלסט זיי אויסלערנען די תפילות וואָס זיי דאַרפן מתפלל זיין אין זייערע בתי מדרשים. און כאָטש דאָרט אין פסוק ווערט דערמאנט נאָר 'את החוקים ואת התורות' - די הלכות און דינים וואָס מ'דאַרף מקיים זיין, איז דער 'תרגום' פון די ווערטער, ווי געזאָגט, אַז מ'דאַרף מתפלל זיין כדי זוכה צו זיין צו תורה, און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם אויבערשטען אַז מ'זאָל האָבן הצלחה אין תורה און מצוות[ט].

---

דער ברעזשאַנער רב זצ"ל, ברענגט אין שאלות ותשובות 'מהרש"ם' (סוף ח"ב), אַז דער הייליגער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז **דער וואָס זאָגט נישט 'אהבה רבה', און די ברכה פון 'אתה חונן', מיט כוונה, איז נישט מעגליך אַז ער זאָל יענעם טאָג קענען מחדש זיין אַ גוטן חידוש.** האָט איינער פון זיינע תלמידים זיך אָנגערופן צו איהם, איך האָב היינט נישט אין זינען געהאַט, און איך האָב מחדש געווען אַ שיינעם חידוש. האָט דער רבי ר' שמעלקא איהם געהייסן איבערזאָגן זיין חידוש, און ער האָט איהם געוויזן ווי ער קען עס אָפּוועגדן, און אַז ס'איז נישט געבויט אויפ'ן אמת.

דעם כח וואָס עס האָט די תפילה צו עפענען דאָס האַרץ אין תורה, קען מען זעהן פון דעם נוסח התפילה וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען. מיר טרעפן נישט ביי קיין שום תפילה אַזעלכע תחנונים אַזוי ווי ביי די ברכה פון 'אהבה רבה'. 'אבינו מלכינו בעבור שמך הגדול'... דערנאָך דערמאנען מיר 'זכות אבות': 'ובעבור אבותינו שבטחו בך וכו' כן תחנינו ותלמדינו'. דערנאָך זאָגן מיר, 'אבינו אב הרחמן, המרחם רחם עלינו, ותן בלבינו בינה להבין ולהשכיל, לשמוע ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה', און ענליכע לשונות וואָס מיר געפינען נישט אין ערגעץ, ביי קיין אַיין תפילה אָדער ברכה. דאָס איז דערפאַר ווייל **דער עיקר פון אַלעם איז צו פאַרשטיין די תורה, אַז אָן תורה, האָבן מיר נישט אַ חיות און אַ קיום**, און וועגן דעם בעטן מיר אַזוי שטאַרק דערויף.

### מן הבאר

חז"ל זאָגן (מכילתא שמות כ) אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן אויפ'ן באַרג סיני צו די אידן, אַזוי ווי אַ 'זקן מלא רחמים'. זאָגן די ספרים אַ רמז, אַז פונקט אַזוי ווי אַ כלי וואָס איז פול מיט וואַסער, איז מיט יעדן לייכטן שאָקל וואָס מ'געבט פאַר די כלי, טוט זיך אויסגיסן דאָס וואַסער וואָס איז דאָ דערין, אַזוי דער אויבערשטער כביכול, דער 'זקן מלא רחמים', ער איז פול מיט רחמים אויף אידישע קינדער, און מיט זיין רחמנות האָט ער אונז געוואָלט געבן די תורה אָן אַ גרעניץ, מיט השפעות ברוחניות ובגשמיות 'עד בלי די'. **מיר דאַרפן נאָר 'אַ שאָקל געבן' כביכול דעם 'כסא הכבוד' מיט אונזערע תפילות**, און דאַן גיסט זיך אויס אויף אונז אַסאַך שפע פון רחמים און חסדים.

**יט.** מ'דאַרף אָבער געדענקען **באַלד נאָכ'ן מתפלל זיין אויף 'פתיחת הלב' צו די תורה, זאָל מען זיך זעצן לערנען...**

ווייל מ'קען דאָך נישט וויינען ביי 'אהבה רבה', אַז דער אויבערשטער זאָל דערלייכטן אונזערע אויגן און הערצער אין די תורה, און ווען עס קומט 'למעשה', איז 'והילד איננו'...

דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַ משל (געברענגט אין ספר 'פנינים יקרים'), אַן אָרימאַן האָט געבעטן אַ נדבה פון אַ גרויסן עושר. האָט דער עושר איהם געהייסן אַריבערקומען שפּעטער צו איהם אין געשעפט, ווייל ער האָט נישט יעצט ביי זיך קיין געלט. דער אָרימאַן איז אָבער נישט אָנגעקומען אינעם געשעפט פונעם עושר, ווען ער האָט איהם געהייסן קומען.

צומאָרגענס איז ער ווידעראַמאָל געקומען צום עושר בעטן געלט. האָט דער עושר איהם געזאָגט: 'איך האָב דאָך דיר געזאָגט נעכטן אַז דו זאָלסט אַריבערקומען צו מיר אין געשעפט. פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען?. אַז דו ווילסט האָבן געלט, קום היינט'... אַזוי זענען אַריבער עטליכע טעג. דער עושר האָט איהם געגעבן אַ צייט ווען צו

### תיקון ליל שבועות - די גרויסקייט און הייליגקייט פון דער נאַכט

**אין** זוהר הקדוש[כ] (הקדמה, ח"א ח.) ווערט דערציילט אז רבי שמעון און די גאַנצע חברייא זענען שבועות ביינאַכט געזעסן און 'געזינגען' מיט אַ 'רינה דאורייתא', און יעדער איינער פון זיי האָבן מחדש געווען חידושי תורה, און רבי שמעון און די גאַנצע חברייא האָבן זיך געפרייט.

**דאַן** האָט רבי שמעון זיי געזאָגט, מיינע קינדער, וואויל איז אייער חלק, ווייל מאָרגן וועט די כלה נישט אַריינקומען צו די חופה נאָר מיט אייך צוזאַמען, ווייל איר אַלע האָט מתקן געווען דעם תיקון אין דער גרויסער נאַכט און איר האָט זיך געפרייט מיט די תורה, וועט איר אַלע ווערן פאַרשריבן אין דעם ספר הזכרונות, און דער אויבערשטער טוט אייך בענטשן מיט זיבעציג ברכות און קריינען.

**ווייטער** זאָגט דער זוהר הקדוש (ט.) אַז יעדער איינער וואָס באַטייליגט זיך מיט די תורה אין דער דאָזיגער נאַכט, וועט ער געהיטן ווערן אויבן און אונטן דאָס גאַנצע קומענדיגע יאָר, און ער וועט אַדורכגיין דאָס יאָר בשלום[כא].

**די** ספרים הקדושים ברענגען פון ירושלמי, אַז רבי חייא האָט געזאָגט, מאָרגן וועל איך אויפשרייבן אויף אַ צעטל, דו זאָלסט נישט לייענען דעם פסוק (וואָס עס שטייט ביי שבועות) 'עצרת תהיה לכם', נאָר עצרת 'תחיה' לכם, ווייל פון דער נאַכט קומט אַרויס לעבן אויפ'ן גאַנצן יאָר.

**אויך** זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ג צח.) אַז פריערדיגע חסידים זענען נישט געשלאָפן די נאַכט פון שבועות, נאָר זיי האָבן עוסק געווען אין תורה. און זיי האָבן געזאָגט, לאָמיר קומען ירש'ענען די תורה, וואָס איז אַ הייליגע ירושה פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט[כב].

**די** פוסקים שרייבן טאַקע ('משנה ברורה', סי' תצד, סק"א) אין נאָמען פונעם אריז"ל (שער הכוונות), אַז דער וואָס

---

קומען צו איהם אין געשעפט נעמען געלט, און ער איז נישט אָנגעקומען. נו, וועט דער עושר אַפילו וועלן צוהערן זיין בקשה, דאָס קומענדיגע מאָל?

דער הייליגער ראָפּשיצער רב זי"ע האָט אַמאָל אין יום טוב שבועות, געזעהן ווי אַ יונגערמאַן וויינט שטאַרק ביים זאָגן די ווערטער 'והאר עינינו בתורתך'. ער האָט איבערגעזאָגט איין מאָל און נאָך אַמאָל: 'והאר עינינו בתורתך'... 'והאר עינינו בתורתך'... נאָכ'ן דאַווענען, איז דער ראָפּשיצער רב זי"ע צוגעגאַנגען מיט אַ גמרא אין האַנט צו דעם יונגערמאַן, און איהם געזאָגט:

**- כ'בין געווען אין הימל, און איך האָב דאָרט געזעהן אַז דו האָסט גע'פועל'ט. דיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל. יעצט, נעם די גמרא, און הייב אָן צו לערנען...**

**כ.** מ'האָט אויסגעשטעלט אינעם סדר 'תיקון ליל שבועות' אַז מ'זאָל זאָגן די ווערטער פון זוהר הקדוש איידער מ'זאָגט די תרי"ג מצוות, און די וועלט פירט זיך עס צו זאָגן פאַרטאָגס. עס וואָלט אָבער געווען כדאי אויב **מ'זאָל עס לערנען אָנהייב נאַכט**, ווייל דאַן וועט מען צוגיין צו די הייליגע נאַכט אויף גאַנץ אַן אַנדערן אופן...

**כא.** מיר געפינען נישט ביי אַנדערע זמנים אַזאַ וואונדערליכער צוזאָג, ממילא, ווען מ'לערנט אין דער נאַכט פון שבועות, איז כדאי מ'זאָל זיך מתבונן אין די דאָזיגע הבטחות, און ווען עס קומט אונטער אַ 'נסיון', מפסיק צו זיין פון לערנען, אַליין אָדער דורך אַנדערע, זאָל מען געדענקען אַז **עס איז נישט קיין 'געשעפט' מפסיק צו זיין אינמיטן לערנען אין דער נאַכט פון יום טוב שבועות.**

**כב.** הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל, האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ איד דרימלט אינמיטן דאַווענען שחרית אין יום טוב שבועות (צוליב מידקייט זייענדיג אויף אַ גאַנצע נאַכט). ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם דרימל, האָט רבי חיים איהם געפרעגט: האָסטו שוין געזעהן אַמאָל אַ חתן וואָס דרימלט שטייענדיג אונטער די חופה? חז"ל זאָגן דאָך, 'ביום חתונתו - זה מתן תורה'!

עס ווערט געברענגט אין ספר 'הליכות שלמה' (פי"ב, הערה 13), אַז אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, היות ער קען זיין נאַטור און דעם כח פון זיין גוף, און ער ווייסט ביי זיך, אַז אויב ער וועט זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט פון יום טוב שבועות און לערנען תורה, וועט זיין תפילה שחרית זיין דרימלענדיג,

שלאָפט איננאַנצן נישט שבועות ביינאַכט, און ער לערנט תורה אַ גאַנצע נאַכט, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט אויסלעבן דאָס יאָר און עס וועט איהם נישט פאַסירן קיין שאָדן. אזוי גרוים און חשוב איז עס איז צו לערנען אין דער הייליגער נאַכט, ווייל מיר געפינען כמעט נישט אַזאַ לשון, 'מובטח לו שישלים שנתו', ביי קיין שום מצוה[כג]!

און דער אר"י הקדוש לייגט צו, 'ולא עוד אלא שהוראת חיי האדם בשנה ההיא תלויה בענין זה'. אַלעס וואָס זאָל פּאַרקומען אין לעבן פון דעם מענטש אין יענעם יאָר, ווענדעט זיך אין דעם.

נו, וועט דער מענטש זאָגן, 'מה אני ומה חיי', צי קען מען דען טראַכטן אַז איך, אני הקטן והשפל, בין

---

'נים ולא נים, תיר ולא תיר', וויל ער דריבער וויסן, וואָס ס'איז וויכטיגער פאַר איהם, צו זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אָדער זיך לייגן פריער כדי ער זאָל קענען דאַווענען שחרית מיט ישוב הדעת, זייענדיג אויסגערוהט.

האָט רבי שלמה זלמן איהם געענטפערט מיט זיין דעת תורה, אַז כאָטש להלכה איז אַוודאי וויכטיגער די תפילה פון שחרית, וואָס איז אַ הלכה, ווי דער מנהג נישט צו שלאָפן ביינאַכט, **אָבער אויפ'ן לעבן פון דיינע קינדער, דאַרפסטו שטאַרק היטן...**

הגה"צ רבי חיים לייב אויערבאַך זצ"ל (דער פאָטער פונעם גאון רבי שלמה זלמן זצ"ל) האָט זיך געפירט יעדעס יאָר שבועות אַרויפצוגיין אויף אַ באַזוך אין הויז פון הגה"צ רבי משה יוסף האָפמאַן זצ"ל, דער פּאפּא'ער דיין, וועלכער האָט צום סוף געוואוינט אין ירושלים עיה"ק, כדי איהם אָנצוואוינטשן אַ גוט יום טוב.

איין יאָר ביי זיין באַזוך, האָט רבי חיים לייב באַמערקט אַז רבי משה יוסף איז זייער אויפגעלייגט, זיין פנים שיינט עפּעס פון שמחה. האָט ער איהם געפרעגט 'לשמחה מה זו עושה', פאַרוואָס ער איז היינט אין אַזאַ גוטע שטימונג.

האָט דער פּאפּא'ער דיין איהם געענטפערט, אַז באמת האָט ער נישט געטראַכט איהם צו דערציילן פאַרוואָס ער איז היינט אַזוי אויפגעלייגט, אָבער אַז ער האָט איהם שוין געפרעגט, וועט ער איהם דערציילן וואָס ער האָט געזעהן אין חלום.

און רבי משה יוסף האָט דערציילט: אַלס בחור, האָב איך געלערנט אין דער ישיבה פונעם גאון בעל 'כתב סופר' זצ"ל, אין פרעשבורג. די בחורים פלעגן דאָרט נאָכזאָגן אין נאָמען פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל, אַז דער וואָס לערנט אַ גאַנצע נאַכט אָן היסח הדעת, זיין מחשבה ליגט נאָר אין לערנען, וועט ער זוכה זיין צו 'גילוי אליהו'. אַסאַך פון די תלמידים אין דער פרעשבורגער ישיבה האָבן זיך באַמיט זוכה צו זיין צו די דאָזיגע מדריגה, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען. אויך איך - האָט דער פּאפּא'ער דיין ווייטער דערציילט - האָב אַסאַך יאָרן פּרובירט צו לערנען אַ גאַנצע נאַכט אָן היסח הדעת, אָבער איך האָב ביז היינט נישט זוכה געווען דערצו.

דערציילט ער ווייטער פאַר רבי חיים לייב'ן: שוין אַ לענגערע צייט וואָס איך פלאָג זיך צו פאַרשטיין אַ שטיקל אין זוהר הקדוש. היינטיגע נאַכט פון יום טוב שבועות, האָב איך געלערנט אַ גאַנצע נאַכט אָן אַ היסח הדעת, מיינע מחשבות האָבן געאַרבעט אין לערנען ברציפות. איז געקומען צו מיר ביינאַכט אַ זקן, און ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין פשט אין די ווערטער פון זוהר וואָס איך האָב ביז יעצט נישט פאַרשטאַנען, און ווען ער האָט געענדיגט רעדן, האָב איך פאַרמאַכט די אויגן כדי זיך מתבונן צו זיין אינעם געדאַנק אין דעם פירוש וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ווען איך האָב געעפענט מיינע אויגן, האָב איך איהם מער נישט געזעהן... ער איז פאַרשוואונדן געווארן... 'ופרח לו איש האמת'... האָב איך געקוקט אויפ'ן זייגער און געזעהן אַז ס'איז שוין דער 'עלות השחר', און פון דעם האָב איך פאַרשטאַנען אַז דער זקן איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא זכור לטוב. נו, זאָל איך נישט זיין פריילך?

**כג.** הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָל שבועות ביינאַכט געזאָגט אַז ער האָט אין זיין באַזיץ אַ כתב-יד פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע, וואו ער שרייבט, **אַז ער פאַרזיכערט פאַר דעם וואָס וועט אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט שבועות [און ער וועט לערנען תורה מיט יגיעה] אַז ער וועט זוכה זיין צו די כתר של תורה.** ('תורת שלום', ספר השיחות)

דער רש"ב פלעגט אויספירן, אַז זיין זיידע דער 'צמח צדק' איז געווען אַ פוסק און מורה הוראה, און פונקט ווי מ'פסק'ענט ביים בית דין של מטה, אַזוי פסק'ענט מען אויך ביים בית דין של מעלה. וועגן דעם דאַרף מען זיין אויפזיין שבועות ביינאַכט, און לערנען תורה מיט התמדה.

בכח צוצוגרייטן 'קישוטי כלה' פאַר די הייליגע שכינה?! געב נאָר אַ קוק וואָס דער ספר 'סדר היום' שרייבט (סדר חג השבועות), ער ברענגט די ווערטער פון זוהר, און ער לייגט צו מורא'דיגע ווערטער, 'אשריו ואשרי חלקו, הזוכה לכל הכבוד זה', וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס איז זוכה צום דעם גאַנצן כבוד, וואָס זיין באַשעפער כביכול רימט זיך און באַצירט זיך מיט איהם, און עס זאָל נישט זיין לייכט אין די אויגן פון דעם מענטש די גאַנצע זאַך, ווייל באַטש דער מענטש איז מעגליך זייער נידעריג אין איין בחינה, אָבער אין אַן אַנדערע בחינה האָט ער גאָר אַ גרויסן כח, און ער איז בכח אויפצושטעלן אַלע וועלטן, אַ זאַך וואָס אַ מלאך איז נישט אימשטאַנד צו טוהן, און ער גיט אריין אַ כח כביכול אין דעם בורא עולם, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, כו) 'רוכב שמים בעזרך'... און יעדער מענטש, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, און ווי אַ 'הדיוט שבהדיוטות' ער איז, דאַרף זיך האַלטן חשוב און זיך דערהייבן אויף דעם ענין, צו זאָגן, ס'איז מעגליך אַז דורך מיר וועט אויך קומען עפּעס אַ זאַך צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, 'ואל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך'... עכ"ל.

**ס'איז** באַקאַנט וואָס דער של"ה הקדוש ברענגט (מסכת שבועות, פרק נר מצוה, אות ח) פון כתב יד קדשו פון הגה"ק רבי שלמה אלקבץ זי"ע, וועלכער שילדערט דעם סדר הלימוד פון די הייליגע חבריא, שבועות ביינאַכט:

**מיר** האָבן אָנגעהויבן לערנען משניות, און ווען מיר האָבן שוין געלערנט צוויי מסכתות, האָט דער אויבערשטער אונז מזכה געווען, און מיר האָבן געהערט ווי דאָס קול רופט אויס, שלום לכם, אשריכם ואשרי יולדתכם, אשריכם בעולם הזה, אשריכם בעולם הבא, וואָס איר האָט אויף זיך גענומען מיך צו באַשיינען אין דער גרויסער נאַכט, וואָס שוין אַזוי פיל יאָרן איז די קרוין פון מיין קאָפּ געפאַלן און איך האָב נישט ווער עס זאָל מיך טרייסטן. איך וואַלגער זיך ליידער אויף דער ערד, אין די מיסטן, און יעצט האָט איר צוריקגעברענגט די קרוין צו מיין קאָפּ.

**דערנאָך** האָט דאָס קול געזאָגט: שטאַרקט זיך, מיינע פריינט, פרייט זיך. איר זאָלט וויסן אַז איר זענט פון די בני עליה, און איר האָט זוכה געווען צו זיין מהיכלא דמלכא. דער קול פון אייער תורה איז אַרויפגעגאַנגען פאַר דעם באַשעפער, און עס האָט געשפּאָלטן אַסאַך הימלען, ביז עס איז אַרויפגעקומען. די מלאכים האָבן געשוויגן. די 'שרפים' האָבן געשוויגן. די 'חיות' זענען שטיין געבליבן, און די גאַנצע פמליא של מעלה, מיט'ן אויבערשטען בראש, הערן אייער קול.... וואויל איז אייך, וואָס איר האָט אַוועקגענומען דעם שלאָף פון אייערע אויגן, און דורך אייך בין איך געוואָרן דערהויבן אין דער היינטיגער נאַכט. שטאַרקט זיך און פרייט זיך, מיינע קינדער, איר זאָלט נישט איבערהאַקן דאָס לערנען, ווייל אַ חוט של חסד איז אַריבערגעצויגן איבער אייך, און אייער תורה איז זיס און באַליבט פאַר דעם אויבערשטען. איר זאָלט זיך אַוועקשטעלן אויף אייערע פיס, און זאָגן הויך אויפ'ן קול, אַזוי ווי יום כיפור, 'ברוך שם כבוד מלכותו'.

**פון דעם זעהען מיר, אַז די קדושה פון שבועות ביינאַכט, איז אַזוי ווי די קדושה פון יום כיפור**[כד], ספּעציעל אויב מ'לערנט תורה, וואָס מיט דעם טוט מען אויפהייבן די שכינה. מ'איז זוכה אַריינצוגיין מיט די 'כלה' - די

דאַן האָט ער צוגעגעבן, אַז זיין זיידע דער 'צמח צדק' האָט מדייק געווען אין זיין לשון, צו זאָגן 'מ'זאָל זיין וואַך אין דער נאַכט פון יום טוב שבועות', ווייל דער עיקר איז 'מ'זאָל נישט שלאָפן', דאס הייסט, מ'זאָל אויסנוצן די טייערע געהויבענע צייט אויף לימוד התורה.

**כד.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'יפה ללב', אין נאָמען פון ספר 'אמרי נועם' (סוף פרשת פנחס), אַז **יום כיפור איז אַנטקעגן שבועות**. וועגן דעם מאַכן מיר אין שבועות אַזוי ווי אין יום כיפור, צו זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי ווי דער כהן גדול און די 'פרחי כהונה', וואָס זענען יום כיפור ביינאַכט נישט געשלאָפן אין בית המקדש.

הרה"ק רבי העניך מ'אלכסנדר זי"ע זאָגט ('חשבה לטובה', שבועות) אַז שבועות איז אַזוי ווי יום כיפור, ווייל דער ירושלמי זאָגט דאָך (ביכורים פ"ג, ה"ג) אַז פאַר אַ חתן איז מען מוחל אַלע זיינע עבירות, און אויב אַזוי, איז דאָך **שבועות, וואָס איז אַזוי ווי די 'חתונה' פון דעם אויבערשטען כביכול מיט כנסת ישראל, איז דאָ מחילת עוונות, אַזוי ווי יום כיפור.**

הייליגע שכינה - אונטער דער חופה. און כאָטש די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן וועגן אַזעלכע הייליגע צדיקים, שרפי מעלה, אַזוי ווי דער 'בית יוסף' ז"ל און זיינע חברים, אָבער אַן 'אפס קצהו' דערפון איז שייך ביי יעדן איינעם פון אונז, אין אַלע דורות, ווי דער 'חתם סופר' זי"ע שרייבט אַ טעם פאַרוואָס מ'הייבט אויף צוויינגן פון ביימער אין יום טוב שבועות, צו ווייזן אַז אַפילו איינער וואָס איז ח"ו ווי אַן 'אילן סרק', האָט אַ שייכות מיט די תורה, אַזוי ווי דער 'גדול שבגדולים'.

דער 'מגלה עמוקות' שרייבט (אין זיינע הגהות צום מחברת הקודש, סוף דף קי), וועגן דעם וואָס עס ווערט

---

מענין לענין, דער ירושלמי (ר"ה פ"ד ה"ח) זאָגט, רב משרשיא האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב אידי, איבעראַל שטייט 'חטא' ('שעיר עיזים ל**חטאת**'), אָבער ביי שבועות, שטייט נישט 'חטא', נאָר (במדבר כח, ל) 'שעיר עזים אחד לכפר עליכם'. אַזוי זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן, **וויבאַלד איר האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון די תורה, טוה איך רעכענען פאַר אייך אַזוי ווי איר האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט.**

עס ווערט דערציילט ("הדעה והדיבור", חלק א, דרוש החזקת התורה) אַז דער גאון פון טעלז, רבי אליעזר גאָרדאָן זצ"ל, איז נאָך זיין חתונה געזעסן אויף "קעסט" ביי זיין שווער, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר אַלע זיינע באַדערפענישן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. רבי אליעזר איז געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה.

איינמאָל איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אַ שיינע קהילה וואָס האָט געוואָלט אויפנעמען רבי אליעזר גאָרדאָן אַלס רב אין זייער שטאָט. ווען זיין שווער האָט געזעהן דעם בריוו, האָט ער איהם געבעטן ער זאָל נישט אָננעמען יענע רבנות-שטעלע, ווייל ער וועט דאַרפן מבטל זיין פון לערנען צוליב די טירדות הכלל. רבי אליעזר האָט נאָכגעגעבן דעם שווער'ס בקשה, און איז געבליבן וואוינען ביים שווער, וועלכער האָט איהם ווייטער אויסגעהאַלטן בכבוד.

נאָך עטליכע יאָר, האָט זיין שווער פאַרלוירן דאָס געלט און איז נעבעך געוואָרן אָרימער און אָרימער ל"ע. פון די צווייטע זייט, איז רבי אליעזר'ס משפחה געוואַקסן, און עס איז איהם געוועזן שווער צו פאַרבלייבן צו לאַסט, און צו לעבן פונעם שווער'ס קאָסט. דער שווער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון אַז ער דאַרף אויפהערן צו געבן פרנסה פאַר'ן איידים. זיין ווייב, די שוויגער, האָט איהם אָבער מפציר געווען, אַז ער איז נישט מחויב אויסצוהאַלטן דעם איידים, בפרט אַז ער קען באַקומען אַ רבנות שטעלע ערגעצוואו און ער וועט קענען האָבן פרנסה בכבוד. "וואָס דאַרפסטו זיך אָנשטרענגען, ווען דו קענסט נישט באַוויזן אַזאַ זאַך?", האָט די שוויגער כסדר גע'טענה'ט מיט'ן שווער. דער שווער האָט איר אָבער געענטפערט: "ווער זאָגט אַז איך האַלט איהם אויס? ס'איז דאָך מעגליך אַז ער האַלט גאָר מיך אויס...".

מיט די צייט, איז אָבער דער מצב פון פרנסה ביי זיין שווער געוואָרן ערגער און ערגער ביז דער שווער האָט בלית ברירה מודיע געווען פאַר זיין איידים אַז ער קען איהם מער נישט אויסהאַלטן, און ער זאָל דעריבער זעהן אָנצונעמען אַ רבנות אַמט. ביז אַ קורצע צייט, איז טאַקע געקומען אַ בריוו פון דער שטאָט טעלז, וואו די ראשי הקהילה בעטן רבי אליעזר גאָרדאָן צו קומען דינען אַלס רב און ראש הישיבה אין זייער שטאָט. רבי אליעזר האָט אָנגענומען זייער איינלאַדונג, און באַשטימט אַ צייט ווען ער וועט אַריבערקומען וואוינען אין טעלז.

צום באַשטימטן טאָג זענען די ראשי הקהילה פון טעלז געקומען נעמען זייער נייעם רב, און ער האָט זיך געזעגנט מיט'ן שווער און מיט די גאַנצע משפחה. אַזוי ווי ער איז נאָר אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, איז נאָכגעפאָרן אַ פערד און וואָגן מיט אַ שליחות: דער בעל עגלה האָט איהם געלאָזט וויסן, אַז זיין שווער איז פלוצלינג נפטר געוואָרן און ער דאַרף זיך שוין צוריקקערן אין שטאָט אַריין, כדי צו באַגלייטן דעם שווער אויף זיין לעצטן וועג!

איז רבי אליעזר צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, און ביי די לוי' האָט ער געהאַלטן אַ רירענדן הספד וואו ער האָט אויסגעדרוקט זיין הכרת הטוב פאַר זיין שווער דעם נפטר, וועלכער האָט אַזוי פיל יאָרן איהם אויסגעהאַלטן מיט מסירות נפש, די גאַנצע צייט ווען ער האָט געגעסן "קעסט".

דערנאָך, ווען זיין שוויגער האָט זיך געזעגנט פון איר מאַן מיט קורצע ווערטער, האָט זי געזאָגט מיט יאָמערליכע טרערן:

**- יעצט זעה איך איין אַז דו ביזט געווען גערעכט, ווייל מ'קען קיינמאָל נישט וויסן ווער עס האַלט אונטער וועמען. מ'זעהט דאָך קלאָר אַז דער זכות פון אונזער איידים איז דיר בייגעשטאַנען, דיך צו האַלטן ביים לעבן...**

געברענגט אין ספר 'שער הכוונות' (שער רוח הקודש, ט.) אין נאָמען פונעם אריז"ל, אַז אַ איד וואָס איז אויף אַ גאַנצע נאַכט און לערנען תורה במשך פון דער גאַנצער נאַכט, ווערט ער גע'פטר'ט פון איין חיוב כרת.

**שרייבט** דער 'מגלה עמוקות', אַז אויב אין די אַנדערע טעג פונעם יאָר העלפט פאַר דעם מענטש ווען ער איז וואַך ביינאַכט, מכפר צו זיין אויף איין חיוב כרת, איז דאָך אַוודאי געווזים אַז אויב מ'איז וואַך שבועות ביינאַכט, העלפט עס מכפר צו זיין אויף מערערע כריתות.

**ללמוד וללמד - עס איז נישט דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט וואָס איז חשוב'ער ווי לימוד התורה**

**אין** די פרשה פון קבלת התורה לייענען מיר (שמות יט, ו) 'אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל'. זאָגט רש"י: 'אלה הדברים - לא פחות ולא יותר'.

**זאָגט** הרה"ק השר שלום זי"ע פון בעלזא, אַז דער פסוק קומט לערנען וועגן דעם חיוב מקבל צו זיין די תורה, און די גרויסקייט פון אַ איד וואָס איז מקיים די תורה. דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'לא פחות' - איינער וואָס נעמט נישט אויף זיך דעם עול תורה, איז נישט דאָ אַ קלענערער מענטש ווי ער. פון דער צווייטער זייט: 'ולא יותר' - איינער וואָס נעמט יאָ אויף זיך דעם עול פון די תורה, איז נישט דאָ העכערס ווי ער[כה]... ער וועט דערגרייכן צו הויכע מדריגות אָן אַ שיעור.

**אויפ'ן** פסוק (משלי ח, יא) 'וכל חפציך לא ישוו בה', זאָגט די גמרא (מו"ק ט:) 'אפילו חפצי שמים'. עס איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס איז חשוב'ער ווי לימוד התורה.

**אַזוי** זאָגט די גמרא (מגילה טז:) 'אמר רב יוסף, גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות'. לימוד התורה איז גרעסער אַפילו פון ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ איד.

**פרעגן** די אחרונים, ס'איז דאָך פשוט אַז אויב איינער וועט האַלטן אינמיטן לערנען, און ער זעהט ווי איינער פאַלט אַראָפּ פון אַ דאַך ח"ו, און ער האָט די מעגליכקייט איהם צו ראַטעווען, איז ער מחויב מפסיק צו זיין און גיין ראַטעווען יענעם'ס לעבן, ווייל 'פיקוח נפש' איז דוחה די גאַנצע תורה. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָבן די חכמים געזאָגט אַז תלמוד תורה איז גרעסער פון הצלת נפשות?

**ענטפערט** דער 'טורי זהב' (יו"ד סי' רנא, סק"ח) אַז אַוודאי איז 'פיקוח נפש' דוחה די גאַנצע תורה. נאָר וואָס דען, חז"ל האָבן געמיינט צו זאָגן, אַז דער מענטש וואָס איז זוכה צו לערנען תורה, און עס איז איהם נישט אונטערגעקומען אין דער זעלבער צייט צו ראַטעווען אַ צווייטן מענטש, האָט אַ גרעסערן זכות, ווי דער מענטש וואָס ס'איז איהם אונטערגעקומען די מצוה פון הצלת נפשות, און דורך דעם האָט ער געדאַרפט מבטל זיין די צייט פון לערנען תורה און עוסק זיין אין הצלת נפשות.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז כאָטש דער זכות פון הצלת נפשות איז גאָר גרויס, ווי חז"ל זאָגן, 'כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא', איז אָבער די גרויסקייט פון לימוד התורה אַסאַך גרעסער[כו].

**לויט** דעם, שרייבט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זצ"ל ('תורת הבית', פ"ה) 'פחד'דיגע ווערטער', אַז פון דעם קומט אויס, אַז יעדע שעה וואָס דער מענטש האָט

---

**כה.** די גמרא זאָגט (פסחים מט:) רבי עקיבא האָט געזאָגט, ווען איך בין געווען אַן 'עם הארץ', האָב איך געזאָגט: 'מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור'. אויב עס וועט מיר אונטערקומען צו באַגעגענען אַ תלמיד חכם, וועל איך איהם בייסן אַזוי ווי אַן אייזל. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס האָט דער הייליגער תנא רבי עקיבא אונז געוואָלט לערנען דערמיט?

קען מען זאָגן, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן פאַר דעם בן תורה וואָס זיצט על התורה ועל העבודה, זאָל ער נישט מיינען אַז ער האָט שאָדן פון הנאות עולם הזה, און נאָר דער עם הארץ האָט הנאה פון דער וועלט. דאָס איז נישט ריכטיג, נאָר דער עם הארץ איז אינגאַנצן איינגעהילט אין ביטערניש. ער טראַכט אַ גאַנצן טאָג וועגן שנאה צו תלמידי חכמים. **די גרויסע קנאה וואָס ער האָט אויף דעם תלמיד חכם וואָס ער פירט אַזאַ שיין לעבן, נעמט אַוועק אַלע זיינע הנאות פונעם לעבן...**

**כו.** דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל האָט אַמאָל געפרעגט אַ איד פאַרוואָס ער האָט נישט אַ קביעות צו לערנען אַ שיעור אין גמרא. האָט דער איד זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז זייער טרוד מיט זיין פרנסה, און ער האָט נישט גענוג צייט צו לערנען. האָט רבי חיים וואָלאָזשינער איהם געזאָגט:

געהאט די מעגליכקייט צו לערנען און ער האט נישט
געלערנט, איז גלייך ווי עס איז איהם אונטערגעקומען
אַ מצוה פון הצלת נפשות, און ער האָט יענעם נישט
געראַטעוועט.

---

- אויב אַזוי, איז דאָך נישט אַ חילוק צווישן דיר און די גוים, ווייל ווען דער אויבערשטער איז אַרומגעגאַנגען מיט די תורה צווישן די גוים און ער האָט זיי געפרעגט אויב זיי ווילן מקבל זיין די תורה, האָט יעדער איינער פון זיי געזאָגט אַן אַנדערן ענטפער, פאַרוואָס ער קען נישט אָננעמען די תורה. די קינדער פון עשו הרשע האָבן געזאָגט, אַז זייער גאַנצער חיות קומט פון רציחה רח"ל, און עשו איז געבענטשט געוואָרן פון זיין פאָטער יצחק, 'ועל חרבך תחיה'. אַזוי האָט יעדעס פאָלק געהאַט אַן ענליכן תירוץ, פאַרוואָס זיי ווילן נישט מקבל זיין די תורה. קומט אויס, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט מקבל זיין די תורה **צוליב זייער פרנסה** און חיות. ממילא, אויב דו זאָגסט אַז דו לערנסט נישט ווייל דו ביזט פאַרנומען מיט פרנסה, ביזטו דאָך נישט בעסער ווי די אומות העולם...

אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט צום פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם געבן פרנסה בריווח, וועט ער זיך זעצן לערנען אין בית המדרש.

האָט דער ליובאַוויטשער רבי הרה"ק ריי"ץ איהם געזאָגט, אַז אַ איד וואָס איז געווען נישט געזונט ל"ע, האָט אַמאָל געזאָגט פאַר זיין טאַטן, הרה"ק מהר"ש זי"ע פון ליובאַוויטש, אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם שיקן אַ רפואה שלימה, זאָגט ער צו בייצושטייערן אַ שיינעם סכום געלט פאַר די ליובאַוויטשער ישיבה. האָט דער רבי מהר"ש איהם געזאָגט, אַז ער זאָל ענדערש פריער געבן זיין נדבה פאַר די ישיבה, ווייל אויף דעם אופן וועט דער אויבערשטער כביכול זיין פאַר איהם אַ 'בעל חוב'. ער וועט איהם זיין שולדיג, און ער וועט איהם מוזן געזונט מאַכן... דאָס איז ענדערש ווי איידער דער אויבערשטער זאָל איהם פריער דאַרפן אויסהיילן, און דערנאָך וועט ער איהם נאָכקוקן און נאָכפאָרשן צו זעהן אויב ער לערנט טאַקע תורה.

און הרה"ק רבי יוסף יצחק האָט אויסגעפירט צו דעם איד, וואָס האָט איהם געזאָגט אַז אויב ער וועט האָבן ברייט פרנסה, וועט ער זיך זעצן לערנען:

- דאָס זעלבע איז מיט דיר. זעץ דיך אין בית המדרש לערנען, וועט דער אויבערשטער דיר שיקן פרנסה בריווח, און מיט אַ גרויסע שפע.

ענליכע ווערטער האָט געזאָגט דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, אַז **יעדער איינער וואָס נעמט אויף זיך צו האָבן אַ פעסטע קביעות עתים לתורה, און ער טוט אָנהאַלטן זיין קבלה נישט זיך אַוועקצורירן פון דעם שיעור קבוע פאַר קיין שום סיבה אויף דער וועלט, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט האָבן פרנסה בהרחבה, און עס וועט איהם גאָרנישט פעלן.**

אַ איד האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, אַז טראָץ דעם וואָס ער האָרעוועט אַזוי שווער אין לערנען, איז ער נישט זוכה צו פאַרשטיין דאָס לערנען, האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- ווי לאַנג לעבט דען דער מענטש אויף דער וועלט. ווען דו וועסט אַרויפקומען אויפ'ן עולם העליון לאחר מאה ועשרים שנה, וועט מען דיר ערקלערן און מסביר זיין אַלעס וואָס דו האָסט געלערנט און דו האָסט נישט פאַרשטאַנען. דאָרט, אין דעם 'עולם הנצחי', וועסטו זוכה זיין צו פאַרשטיין די הייליגע תורה.

הגה"צ רבי מתתיהו סאָלאָמאָן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה אין לעיקוואוד, האט דערציילט: אַ איד האָט געפרעגט דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, היות מ'האָט איהם אָנגעטראָגן צוויי פאַסטענס. איין אַרבעט אָנבאָט איז, צו ווערן אַ מגיד שיעור אין אַ ישיבה קטנה, וואָס אויב ער וועט עס נישט אָננעמען, וועט יענע ישיבה נישט בלייבן אָן אַ מגיד שיעור, ווייל עס זענען דאָ גענוג יונגעלייט מוכשרים, אַפילו נאָך מער געלונגען ווי ער. דער צווייטער אָנבאָט וואָס ער האָט באַקומען איז געווען, צו אַרבעטן פאַר'ן 'רבנות' אין משגיח פון כשרות, צו האָבן די אויפזיכט איבער דעם מצב פון כשרות אין גאַנץ ארץ ישראל. פאַר דעם אַמט, וועט דער 'רבנות' נישט נעמען אַן אַנדערן, נאָר איהם, אַזוי אַז ער וועט האָבן די מעגליכקייט מטהר צו זיין גאַנץ ארץ ישראל מיט כשר'ע מאכלים. וויל ער אַלזאָ וויסן, וועלכן פון די צוויי אָנבאָטן ער זאָל אָננעמען.

האָט דער 'חזון איש' איהם געפרעגט, אַז אויב ער וועט אַרבעטן אַלס מגיד שיעור אין יענע ישיבה קטנה, וועט ער קענען משפיע זיין אויף צוויי בחורים צו לערנען אין די טעג פון 'בין הזמנים', פונקט אַזוי ווי אינמיטן זמן. האָט ער געענטפערט, אַז ער מיינט אַז ער איז ביכולת צו האָבן אַזאַ השפעה. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- אויב אַזוי, זאָלסטו וויסן אַז **אויב דו ביסט ביכולת גורם צו זיין אַז צוויי בחורים וואָס לערנען אין די טעג פון 'בין הזמנים' אַזוי ווי אינמיטן זמן, איז עס פיל חשוב'ער ווי גורם צו זיין אַז די גאַנצע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל, זאָל עסן כשר'ע מאכלים!** (ספר 'מעשה איש', ח"ב, ע' נג)

הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט פאַר הגה"צ רבי שמחה בונם לייזערזאָהן ז"ל, וועלכער איז געווען דער משגיח אין ישיבת 'שפת אמת' אין ירושלים, בזה הלשון:

- דו אַרבעטס דאָך אַלס משגיח אין די ישיבה. זאָלסטו אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן נישט אויסרעדן פון אָנהייב לערנען ביז זיי ענדיגן דעם שיעור. אויב זיי ווילן עפּעס רעדן, זאָלן זיי שמועסן נאָכ'ן לערנען... 'אך בצלם יתהלך איש' (תהלים לט, ז), און פון דעם לערנט אַרויס דער ירושלמי (שבת פ"א, ה"ב) אַז דער מענטש זאָל זיך אייביג פאַרשטעלן ווי דער 'בעל השמועה' שטייט פאַר זיינע אויגן, און **ווען אביי און רבא שטייען אַנטקעגן דיר, ווי קען מען רעדן?** (ספר 'יאיר נתיבות', פון הגה"ח רבי נחום ראָטשטיין שליט"א, ע' קא, אין נאָמען פון זיין שווער, הגה"ח רבי זעליג שטיצבערג ז"ל)

דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, שרייבט אין אַ בריוו ('קובץ אגרות', ח"א, אגרת ג') **דער עיקר פון לימוד התורה איז צו לערנען אָן אַ הפסק.** דאָס לערנען בתמידיות איז דער סוד פון קדושה וכו'. ס'איז כדי פאַר א מענטש צו טראַכטן עצות און תחבולות ווי אַזוי ער זאָל קענען איינקויפן פאַר זיך התמדה צו לערנען, און **אייביג מתפלל זיין דערויף.**

דער גאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל, האָט אַמאָל אויפגעטרעטן פאַר די תלמידים פון אַ באַקאַנטע ישיבה, און גערעדט פאַר זיי דברי חיזוק אין דעם ענין פון התמדת התורה. צווישן אַנדערן האָט ער דערציילט אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען אין די פריערדיגע יאָרן, ווען נישט יעדער בחור האָט זיך געקענט איינקויפן ספרים אַזוי ווי היינט, איז אַ בחור פון אַן אָרימע היים אַמאָל אַריין אין אַ ספרים-געשעפט, כדי צו קויפן אַ גמרא מסכתא מכות. דער בחור איז אָבער געווען אַנטוישט, ווייל דער מוכר ספרים האָט געפאָדערט דערפאַר צען דאָלאַר - אַ הון רב אין יענע צייטן.

האָט דער בחור, וועלכער האָט נישט געהאַט אין טאַש אפילו פינף דאָלאַר, אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון געשעפט. האָט דער מוכר ספרים איהם צוריקגערופן, און איהם געזאָגט, אַז ער האָט אַ גמרא מסכת שבת, אָבער עס פעלן דאָרט איינצלנע בלעטער, דאָ און דאָרט. די דאָזיגע גמרא, קען ער איהם פאַרקויפן פאַר אַ ביליגערן פרייז. האָט דער בחור געלאַכט, און געזאָגט: איר רעדט דאָך נישט צו די זאַך, ווייל אויב עס פעלט - צום ביישפּיל, דף כ', פעלט דאָך נישט נאָר דער דאָזיגער בלאַט, נאָר עס פעלן דריי בלעטער, ווייל דף כ' טוט באַהעפטן צווישן דף י"ט, און דף כ"א. אָן דף כ', קען מען נישט פאַרשטיין אויך דף י"ט, און דף כ"א... ממילא, האָסטו נישט אַ 'צעריסענע גמרא', נאָר עס איז אַ ספר וואָס איז אינגאַנצן נישט אין גדר פון אַ 'גמרא'...

- פון דעם קען מען לערנען - האָט רבי נתן געשטעטנער אויסגעפירט - אַז אַ בחור וואָס זעצט זיך אַוועק לערנען 9 אַזייגער אינדערפרי, און נאָך אַ האַלבע שעה פרובירט דער יצר הרע איהם אָנרעדן זיך אויפצוהייבן פון זיין אָרט און צוגיין צו אַ צווייטן בחור, און שמועסן מיט איהם וועגן 'דברים העומדים ברומו של עולם', האָט דער יצר הרע פאַרדינט דערפון, ווייל אויך דאָס וואָס דער בחור האָט 'געקויפט' אין משך פון די האַלבע שעה, וועט ער פאַרגעסן. ער וועט אויך נישט קענען קאָנצענטרירן זיין מח ווען ער וועט זיך צוריקזעצן צום לערנען, אַזוי ווי יענע צעריסענע גמרא, וואָס צוליב דעם דף וואָס פעלט, האָבן אויך די 'שכנות'דיגע' בלעטער נישט די אמת'ע חשיבות.

נאָך אַ מעשה האָט דער גאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל דעמאָלס דערציילט, אַז אַ תלמיד פון דעם גאון רבי עקיבא איגר זי"ע איז אַמאָל געווען אין קאָצק, און דער קאָצקער רבי זי"ע האָט איהם געבעטן ער זאָל איהם איבערזאָגן אַ הנהגה פון זיין רבי'ן, רבי עקיבא איגר. האָט דער תלמיד פון רבי עקיבא איגר געשילדערט פאַר'ן קאָצקער רבי'ן עטליכע הנהגות פון דעם גאון הדורות. דער קאָצקער רבי האָט אָבער אַלעס אַוועקגעמאַכט מיט'ן האַנט, אַז נישט דאָס וועט אַרויסציען פון איהם אַ געפיל פון התפעלות.

צום סוף, האָט דער תלמיד איבערגעזאָגט אַ געוויסע הנהגה פון רבי עקיבא איגר, אַז ווען ער זעצט זיך אַוועק לערנען גמרא, נעמט ער נישט אַרויס זיינע הייליגע אויגן פון די גמרא עטליכע שעה ברציפות. הערנדיג דאָס, האָט דאָס הייליגע פנים פונעם קאָצקער רבי'ן אויפגעשיינט, און ער האָט געזאָגט:

- **אָט דאָס האָב איך געוואָלט הערן, ווייל דאָס איז דער עיקר...**

דער הייליגער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע שרייבט (אין זיינע 'הנהגות', אות נב), אַז דער מענטש דאַרף אינמיטן לערנען כסדר זאָגן די ווערטער 'המאור שבה מחזיר למוטב', און יעדעס מאָל ווען דער יצר הרע וועט איהם פרובירן איבעררעדן אויפצוהערן לערנען ווייל ער איז 'מיד' וכדומה, אָדער ווייל ער פאַרשטייט נישט דאָס לערנען, אָדער

צוליב קינדער וואס שמועסן, זאָל ער איהם אָנשרייען און ער זאָל זיך פּרובירן שטאַרקן אויף זיין יצר הרע. ער זאָל צובּרעכן זיין נאטור, און לערנען מער ווי ער איז געוואוינט צו לערנען, און מיט אַלע כוחות, ביז ער וועט ווערן פאַרמאַטערט. אַזוי וועט ער קענען צובּרעכן דעם כח פון די קליפּות און די חיצונים, און ער וועט האָבן אַ כפּרה, אפילו אויף כריתות און מיתת בית דין און מיתה בידי שמים, ווייל דאָס **לערנען תנ"ך, משנה, גמרא, און פּוסקים, מיט אַלע כוחות און מיט אַ זיס קול, אָן 'מחשבות זרות', און ווען מ'שאָקלט דעם גוף, ריייניגט עס און עס לייטערט די נשמה.** עס טוט אויסשאַרפן דעם שכל פון דעם וואָס לערנט, און עס צעבּרעכט אינגאַנצן די קליפּות און חיצונים.

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אויף די ווערטער פונעם רמב"ם ז"ל, 'מילא **כריסו** בש"ס ופוסקים' (זעה רמב"ם, הלכות יסודי התורה פ"ד, ה"ג). עס וואָלט לכאורה ענדערש געפּאַסט צו זאָגן, 'מילא **'ראשו'** בש"ס ופוסקים'.

האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט, אַז לימוד התורה דאַרף זיין אַזוי ווי דער בויך פון אַ מענטש. אויך נאָך דעם ווי דער מענטש האָט זיך שוין אָנגעזעטיגט מיט עסן און טרינקען, ווערט ער הונגעריג אַ פּאָר שעה שפּעטער. דאָס זעלבע איז מיט די תורה. ער זאָל זיך נישט צופרידנשטעלן מיט דעם וואָס ער האָט שוין געלערנט, נאָר ער זאָל אייביג זיין הונגעריג און דורשטיג פאַר דברי תורה.

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט, אַז דער מענטש דאַרף לעבן אויף אַן אופן אַז זיין גאַנצע חיות זאָל זיין פון די תורה, און פונקט ווי עס פּאַסירט נישט אַז אַ מענטש זאָל ביים עסן אַריינלייגן דעם לעפל אין זיין אויער אַריין, אפילו אויב ער איז אַ שוואַכער 'בעל כשרון', ווייל יעדער פאַרשטייט אַליין אַז דאָס חיות פונעם גוף און פון די איברים ווענדעט זיך אין דעם וואָס ער נעמט אַריין אין מויל.

## מן הבאר

דער ערשטער רב פון דער בריסקער רבנישער שושלת, דער בעל 'בית הלוי' זצ"ל, האָט זיך אַמאָל געפּלאָגט אין משך פון עטליכע טעג, אויף אַ הלכה אין שולחן ערוך חושן משפט, צו פאַרענטפערן די שיטה פון איינע פון די ראשונים, וואָס די אחרונים האָבן געפרעגט דערויף פאַרשידענע קשיות. נאָך עטליכע טעג און נעכט פון שווערע האָרעוואַניע, איז איהם געלונגען מחדש צו זיין אַ געוויסן מהלך, וואָס פאַרענטפערט די ווערטער פון דעם 'ראשון' אויף אַ וואונדערליכן אופן.

שפּעטער איז ער פאַרביי געגאַנגען אויפ'ן גאַס נעבן דעם שטאָטישן געריכט, און ער האָט געהערט די טענות ומענות פון די צוויי מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ סכסוך איבער אַ גרויסן סכום געלט, און איינער פון די בעלי דינים האָט פאַרטיידיגט זיין טענה, מיט די סברא פון יענעם 'ראשון'. דאַקעגן, האָט דער שופט געזאָגט אַז ער האָט נישט רעכט מיט זיין טענה, און ער האָט באַזירט זיין אַרגומענט אויף די קשיות וואָס די אחרונים פרעגן אויף יענעם ראשון... שפּעטער האָט מען ווידער געהערט ווי דער בעל דין פאַרענטפערט זיין פריערדיגע טענה, מיט די 'סברא' וואָס דער 'בית הלוי' האָט מחדש געווען נאָך אַ האָרעוואַניע פון דריי טעג און נעכט ברציפות...

האָט דער 'בית הלוי' געהאַט דערפון חלישות הדעת: ווי אַזוי האָט יענער געקענט אין אַ סעקונדע אויפקומען מיט אַזאַ 'חידוש', וואָס איך האָב זיך אַזוי לאַנג געפּלאָגט דערויף?! דערנאָך האָט ער זיך אָבער באַרואיגט, טראַכטנדיג ביי זיך, אדרבה, די מעשה קען דינען פאַר מיר אַלס אַ מקור פון חיזוק, ווייל ווי אַזוי איז דען מעגליך אַז אַ פּשוט'ער איד, וועלכער איז נישט אַ בן תורה, זאָל קענען מחדש זיין סברות פון די ראשונים און אחרונים, מיט אַזעלכע וואונדערליכע 'בנינים'? מוז זיין דערפאַר, ווייל דאָ האַנדלט זיך אין אַ גרויסן סכום געלט - 72 מיליאָן רובל - און ער זעהט פאַר זיינע אויגן נאָר דאָס געלט... און וויבאַלד זיין גאַנצער מהות איז אַריינגעטוהן אין יענע 'מערכה', איז שוין נישט קיין וואונדער, אַז זיין מח האָט געקענט אויפקומען מיט אַזעלכע שיינע סברות. ממילא, איז אויך דאָס וואָס איך האָב געקענט אויפטוהן אַזעלכע 'חידושים', נאָר דערפאַר ווייל ביי מיר איז דאָס פאַרשטיין די תורה אַזוי וויכטיג, לכל הפּחות ווי די 72 מיליאָן רובל פון יענעם איד...

לויט דעם, טייטשט דער 'חידושי הרי"ם' דעם פּסוק (תהלים קיט, צג) **'לעולם לא אשכח פקודיך'**. פאַרוואָס וועל איך נישט פאַרגעסן דיין תורה? איז דער תירוץ: **'כי בם חייתני'** - ווייל איך ווייס אַז די הייליגע תורה איז דער מקור פון מיין חיות. (ספר 'חידושי הרי"ם', אויפ'ן פּסוק 'אשר יעשה אותם האדם וחי בהם')

די תורה איז דער מעדיצין קעגן דעם יצר הרע[כז], אַזוי ווי די גמרא זאָגט (יומא עב:) 'זכה, נעשית לו סם

---

די ספרים זאָגן, אַז דער גאַנצער חילוק צווישן דעם גן עדן און דעם גיהנום אויף יענער וועלט איז, ס'איז דאָ אַ היכל וואָס איז פול מיט הייליגע ספרים, און דער דאָזיגער היכל איז אַ 'גן עדן' פאַר די צדיקים. עס איז אַ וואונדערליכער פאַרגעניגן פאַר זיי צו לערנען תורה אָן שוועריגקייטן. אַ מענטש וואָס איז נישט געווען געוואוינט צו לערנען תורה ווען ער האט געלעבט, איז דאָס פאַר איהם נישט אַ 'גן עדן', נאָר אַ 'גיהנום', ווי הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע שרייבט, אין זיין ספר 'צפנת פענח' (סוף פרשת בשלח, דף נט ע' ד), אויף די ווערטער פון מדרש (ב"ר פ"ט) 'והנה טוב מאד, זה גיהנום' וכו'. **'וכל מי שאינו מסגל במצוות ומעשים טובים, הרי גיהנום'**, ע"כ.

שרייבט אויף דעם, דער 'צפנת פענח': די גמרא זאָגט (נדרים ח.) אַז דער אויבערשטער וועט אַרויסנעמען לעתיד לבוא די זון פון איר שיידל, 'צדיקים מתרפאין בה ורשעים נידונין בה'. די צדיקים וועלן אויסגעהיילט ווערן פון די שטאַרקע זון, און די רשעים וועלן געשטראָפט ווערן דורך איר. שרייבט ער, איך האָב געהערט, **אַז לעתיד לבוא וועט נישט זיין אַ גיהנום, נאָר מ'וועט אַריינעמען די רשעים אין גן עדן, און דאָס וועט זיין פאַר זיי אַ גיהנום.** דער רשע וועט דאָרט הערן ווי מ'דאַווענט און מ'פרייט זיך, מ'טאַנצט און מ'לערנט בהתמדה. דאָס וועט איהם גורם זיין אַסאַך צער, ווייל ער איז דאָך נישט געווען געוואוינט דערצו. ממילא, וועט דאָס זעלבע וואָס וועט גורם זיין אַ פאַרגעניגן פאַר די צדיקים, זיין פאַר די רשעים אַ 'גיהנום'.

**כז.** דער טאַרנאַפּאָלער רב, הגאון רבי דוד מנחם מאַניש באב"ד זצ"ל, ברענגט אין די הקדמה צו זיין ספר, שאלות ותשובות 'חבצלת השרון' (ח"א, ד"ה 'ובזה נוכל להבין'), אין נאָמען פון זיין רבי'ן, דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, **אַז פון אַלע ענינים פון חסידות און פרישות און סיגופים וואָס דער מענטש וויל נעמען אויף זיך, איז דער בעסטער וועג צו דערפרייען דעם אויבערשטען כביכול, דורך לערנען די הייליגע תורה**, און אַ סימן האָסטו, ווייל ביי אַלע סיגופים און חסידות וואָס דער מענטש וויל זיך פירן, פאַרלייגט נישט דער יצר הרע אַזוי פיל כוחות איהם צו שטערן דערפון, אַזוי ווי ער לייגט אַריין כוחות צו שטערן דעם מענטש פון לימוד התורה. **דאָס האָב איך געהערט פון זיין הייליג מויל, וואָס ער האָט מיר אַליין געזאָגט די ווערטער**, עכ"ל.

ספעציעל איז חשוב דער לימוד פון גמרא. עס צעשניידט אַלע שלעכטע קליפּות פון די סטרא אחרא, אַזוי ווי הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז 'גמרא' איז פון לשון 'גומרי' - קוילן (רש"י שבת קלד. ד"ה 'לייתו'), ווייל עס פאַרברענט די גאַנצע טומאה וואָס איז דאָ אין מענטש, און פון דער אַנדערער זייט טוט עס אָנצינדן זיין האַרץ צו עבודת השם יתברך.

הרה"ק רבי שמואל קאַמינקער זי"ע האָט אַמאָל גערעדט מיט זיינע חסידים וועגן די מעלה פון לערנען גמרא, אַז דער וואָס לערנט אַ בלאַט גמרא, איז זוכה אַרויסצוקריכן פון אַלע זיינע 'בלאָטעס'. די גאַנצע טומאה טוט זיך אָפּטיילן פון איהם.

איז איינער פון די חסידים אַרויסגעגאַנגען צו אַ דערנעבנדיגן צימער, און האָט דאָרט געזוכט אַ גמרא צו לערנען. ער האָט אָבער נישט געזעהן דאָרט אַ גמרא, האָט ער גענומען אַ משניות, און געלערנט אַ פרק משניות. ווען ער איז צוריקגעקומען צו רבי שמואל קאַמינקער, האָט רבי שמואל קאַמינקער מרגיש געווען ברוח קדשו אַז ער האָט געלערנט משניות, און ער האָט איהם געזאָגט:

- **דער לימוד פון משניות, איז טאַקע אַ גרויסע זאַך, אָבער עס קומט נישט צו, צו לערנען אַ בלאַט גמרא...**

ווען דער בראָדער מגיד, הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, האָט מספיד געווען דעם גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל, האָט ער צוערשט געזאָגט אַ פשטעל, און דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן די גרויסקייט פון דעם 'חתם סופר', און מעורר געווען די צוהערער מיט דברי התעוררות ומוסר. שפּעטער האָט ער ערקלערט דעם טעם פאַרוואָס ער האָט פריער געזאָגט אַ פלפול, ווייל דער 'ילקוט שמעוני' זאָגט (פרשת חוקת), אַז איידער משה רבינו ע"ה האָט אַרויסגעצויגן וואַסער פונעם שטיין, האָט דער אויבערשטער געזאָגט: 'ודברתם אל הסלע וגו' ונתן מימיו': **'שנה עליו פרק אחד, והוא מוציא מים מן הסלע'.** זעהט מען פון דעם, אַז כדי אַרויסצוציהען וואַסער פון אַ האַרטע זאַך אַזוי ווי אַ שטיין, דאַרף מען פריער זאָגן דברי תורה. צוליב דעם האָב איך פריער געזאָגט פון מיינע חידושים, כדי דורך דעם זאָלן זיך עפענען אייערע שטיינערנע הערצער. דערנאָך וועט איר קענען אויפכאַפּן די דברי התעוררות וואָס איך וועל זאָגן.

חיים, לא זכה, נעשית לו סם המות'. זאָגט רש"י, 'זכה, ללמוד תורה לשמה ולקיימה'.

ווען מ'לערנט די ווערטער פון רש"י, כאַפּט אָן אַ ציטער צו לערנען, ווייל ווער קען דען זאָגן, איך בין אַזוי אויסגעאַרבעט צו לערנען תורה לשמה. אויב דאָס לערנען שלא לשמה פאַרוואַנדלט די תורה אין 'סם המות' ח"ו, וועט מען דאָך אייביג מורא האָבן צו לערנען תורה, ווייל עס איז דאָך מעגליך 'שלא לשמה'.

**ברענגט** דער 'שפתי צדיק' (פ' עקב, אות ט) אין נאָמען פון זיין שוואָגער, הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע, אַז אויב דער מענטש איז זוכה עוסק צו זיין אין תורה לשמה, איז עס אַוודאי אַ 'סם חיים'. דאָס הייסט, אַ 'מעדיצין' וואָס גיט אַריין אַ רוחניות'דיגן חיות אין מענטש. אָבער אויב ער איז נישט זוכה דערצו, און ער לערנט תורה אויף אַן אופן פון 'שלא לשמה', איז כאָטש די תורה איז נישט אַזוי ווי אַ סם אַריינצובלאָזן אין איהם אַ רוח החיים, ווערט דאָס אָבער אַ 'סם' קעגן דעם 'טויט'[כח], אַז ער וועט פאָרט נישט הייסן אַזוי ווי אַ טויטער מענטש ברוחניות.

### צבי וחמיד ורגיג דילאון בלעותא - דער אויבערשטער האָט ליב אַ מויל וואָס לערנט אַסאַך תורה

**די עיקר חשיבות פון לימוד התורה איז ווען דער מענטש** האָט נישט קיין חשק צו לערנען, אָדער ווען ער פאַרשטייט נישט אַזוי גוט אַ שווערע סוגיא, און ער

---

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער וואָס מיר בעטן: 'הוא יפתח לבינו בתורתו', אַז דורך די הייליגע תורה, ווערט געעפּענט דאָס האַרץ פון אַ איד צו עבודת השם יתברך (געברענגט אין ספר 'אבל משה', וואו עס געפינט זיך דער הספד פון דעם גאון רבי שלמה קלוגער אויף דעם 'חתם סופר').

מ'דאַרף זיך אָנשטרענגען צו לערנען אויך ווען עס קומט אָן שווער, ווייל **אדרבה, ווען עס איז שווער איז דער לימוד אַסאַך חשוב'ער ביי דעם אויבערשטען.**

אַ איד האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, זאָגנדיג: וואָס זאָל איך טוהן, אָבער איך האָב נישט אַ ליבשאַפט פאַר די תורה... האָט דער 'פני מנחם' איהם געזאָגט:

- און וואָס זאָל איך טוהן, אַז איך האָב יאָ אַהבת התורה...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז **דער עיקר שכר באַקומט אַ מענטש פאַר די יגיעה וואָס ער שטרענגט זיך אָן צו לערנען ווען עס גליסט איהם נישט.** אַוודאי בעטן מיר און מיר זענען מתפלל צו האָבן 'חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים', אָבער מ'דאַרף זיך שטאַרקן צו לערנען קעגן דעם רצון, וואָס דאָס איז די טייערסטע זאַך אין די אויגן פון דעם באַשעפער.

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ 'טעקסי דרייווער', אַז ער האָט אַמאָל געפירט מיט זיין 'טעקסי' דעם סטייפּעלער גאון זצ"ל. אינמיטן וועג, האָט דער סטייפּעלער איהם געפרעגט, אויב ער גייט יעדן טאָג צו אַ שיעור. האָט דער טעקסי-דרייווער געענטפערט, אַז בייגאַכט איז ער געוועגליך שוין זייער מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרומפאָרן מיט'ן טעקסי, און אויב ער וועט זיך אַוועקזעצן ביי אַ שיעור, וועט ער באַלד איינשלאָפן... וואָס פאַראַ זינען האָט עס צו גיין צו אַ שיעור, ווען מ'ווייסט אַז מ'וועט זיכער איינשלאָפן ביים שיעור? האָט דער סטייפּעלער איהם געזאָגט:

- ווייסן זאָלסטו, אַז אויב דו וועסט גיין יעדן טאָג צום שיעור, איז ווען דו וועסט אַרויפקומען אויפ'ן עולם העליון לאחר מאה ועשרים שנה, וועט מען אויף דיר קוקן אַזוי ווי מ'קוקט אויף אַ 'גענעראַל', ווייל דו האָסט דאָך געטוהן אַלעס מעגליכעס. **דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נאָר פון דעם מענטש, צו טוהן וואָס ער איז ביכולת צו טוהן.**

**כח.** דער גרינדער פון דער מוסר-באַוועגונג, הגאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, האָט געזאָגט, מיר ווייסן דאָך נישט פּונקטליך וואו עס איז דאָס אָרט וואו דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה צו די אידן. אויך ווייסן מיר נישט דעם גענויען טאָג ווען די אידן האָבן באַקומען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, ווייל עס איז דאָך דאָ אַ מחלוקת צווישן די חכמים אין די גמרא (מסכת שבת) צי די תורה איז געגעבן געוואָרן ו' סיון, אָדער ז' סיון. האָט דער אויבערשטער אַזוי צוגעפירט, אַז דער מענטש זאָל נישט זאָגן, דאָ, אויף דעם אָרט וואו איך געפין זיך, אין מיין בית המדרש, אין מיין כולל און ישיבה וואו איך לערנען, זעה איך נישט ווי אַזוי איך קען האָבן הצלחה אין לערנען. אויב איך וואָלט געטוישט מיין אָרט, וואָלט איך אַוודאי געהאַט מער הצלחה אין מיינע לימודים.

איז זיך נישט מייאש, נאָר ער שטאַרקט זיך און ער פּלאָגט זיך צו פאַרשטיין דאָס לערנען. ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע שמחה ביי דעם אויבערשטען ווי ווען דער מענטש לערנט תורה מיט יגיעה, אַזוי ווי מיר זאָגן אין דעם פּיוט 'אקדמות' אין יום טוב שבועות, 'צבי וחמיד ורגיג דילאון בלעותא'. דאָס מיינט, אַז דער אויבערשטער גליסט אַז אידן זאָלן זיך פּלאָגן אויף די תורה. און ווענן דעם זאָגט ער 'דילאון בלעותא' - זיי זאָלן האָרעווען אויף די תורה, און נישט 'דידען אורייתא'[כט] - זיי זאָלן קענען די תורה, ווייל דער אויבערשטער ציילט נישט וויפיל הצלחה דער מענטש האָט געהאַט אין תורה, נאָר וויפיל שעה'ן ער האָט אַוועקגעגעבן פון זיין צייט צו לערנען, ווייל דאָס איז די הויפּט-ליבשאַפט פון לימוד התורה ביי דעם אויבערשטען[ל].

---

דאָס זעלבע איז מיט צייט. דער מענטש זאָל נישט זאָגן, אין די יעצטיגע צייט, און אין דעם היינטיגן מצב וואָס איך בין, קען איך נישט לערנען... נאָר ער דאַרף וויסן, אַז ער קען לערנען אין יעדן אָרט און אין יעדער צייט, און דאָס איז זיין פליכט אויף דער וועלט.

**כט.** אַזוי געפינען מיר אין די תורה ביי יעקב און עשו, וואָס דער פּסוק זאָגט (בראשית כה, כז) 'ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, ויעקב איש תם יושב אהלים'. פרעגן די ספרים, פאַרוואָס שטייט נישט ביי יעקב אויך אַז ער איז געווען אַן 'איש תם יודע ובקי בתורה', אַזוי ווי ביי עשו, אַז ער איז געווען אַ 'יודע ציד איש שדה'.

ענטפערט דער גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל (דרשות ושיחות שבט הלוי תשנ"ט, עמוד ט') אַז דאָס איז דער חילוק צווישן דעם צד הקדושה און דעם צד הטומאה. די מעלה פון עשו דערקענט זיך נאָר דורך די **רעזולטאַטן**, אויב ער וועט זיין אַ 'יודע ציד' בפועל ממש, אָבער אויב ער האָט געלערנט און זיך געפּלאָגט און נישט מצליח געווען צו זיין אַן 'איש ציד', האָט ער נישט קיין שום ווערד. מה שאין כן יעקב אבינו ע"ה, וואָס ער האָט געלערנט תורה, איז דער עיקר ביי תורה צו זיין אַ 'יושב אהלים' - זיצן און לערנען בהתמדה. **ביי דעם אויבערשטען האָט דער מענטש וואָס האָט נישט די נויטיגע כשרונות אָבער ער פּלאָגט זיך אויף די תורה, די זעלבע חשיבות ווי דער 'בקי בש"ס ופוסקים'.**

**ל.** אַ איד אַן עושר איז אַמאָל געווען ביים פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע. שמועסנדיג מיט דעם רייכן איד, האָט דער ליובאַוויטשער רבי פאַרשטאַנען אַז ער האָט נישט קיין שיעור צום לערנען, און ער האָט איהם געזאָגט: **'ס'פּאַסט נישט פאַר אַ באַלעבאַטישן איד ווי איר, אַז עס זאָל אַדורכגיין איין טאָג אָן לערנען אַ בלאַט גמרא'.**

אַ בחור האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, איבער זיין שוואַכן מצב אין תורה און אין תפילה. האָט דער 'חפץ חיים' איהם געענטפערט מיט אַ מעשה: אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה האָט דער בעקער פון שטאָט זיך אָפּגערעדט פאַר מיר ווענן זיין שווערן מצב אין פרנסה. אַ גאַנצע נאַכט האָרעוועט ער שווער צו קנעטן דעם טייג און עס אָפּבאַקן, און אינדערפרי, ווען די קונים קומען אין די בעקעריי, געפינט יעדער איינער פון זיי אַן אַנדערן חסרון אינעם ברויט. איינער באַקלאָגט זיך אַז דאָס ברויט איז נישט גוט אָפּגעבאַקן געוואָרן, אַ צווייטער טענה'ט אַז דער אויוון איז נישט געווען גענוג הייס, א.א.וו. עטליכע יאָר שפּעטער, אין צייט פון די ערשטע וועלט מלחמה, האָב איך איהם ווידער באַגעגנט און איך האָב איהם געפרעגט וואָס זיין מצב איז יעצט, ווען עס הערשט אַ הונגער אויף דער וועלט. האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פרייליכן טאָן, אַז ער פאַרדינט ברוך השם פיין, ווייל יעצט, ווען עס הערשט אַ הונגער אויף דער וועלט קוקט קיינער נישט אויפ'ן ברויט צי ס'איז גוט אָדער נישט, נאָר מ'קויפט 'מכל הבא לידי', וואָס עס קומט אונטער צו קויפן, און מצאָלט אַפילו דאָפּלט פאַר אַ ברויט...

און דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט צו דעם בחור, אַז דאָס זעלבע איז אויך אין די עולמות העליונים. אין די פריערדיגע צייטן, האָט מען געקענט נאָכקוקן יעדן איינעם ווי ער האַלט אין תורה און תפילה, אָבער יעצט, ווען די ערליכע אידן זענען ווייניג, **איז כביכול דאָ אַ 'הונגער' אין הימל נאָך רוחניות. מ'גליסט דאָרט נאָך יעדן דבר שבקדושה, און מ'צאָלט דערפאַר אַסאַך שכר...**

חז"ל זאָגן (אדר"נ פ"ג, ו) **'טוב לו לאדם דבר אחד בצער ממאה בריווח'**. ס'איז בעסער פאַר דעם מענטש איין זאַך וואָס איז איהם אָנגעקומען שווער עס צו באַקומען, ווי 100 זאַכן וואָס ער האָט פאַרדינט בריווח. אויך זאָגן חז"ל (שהש"ר פ"ח, יד) אַז דער מענטש וואָס לערנט מיט צער (עס קומט איהם אָן שווער צו לערנען) נעמט טויזנט, און דער וואָס לערנט אָן צער, באַקומט שכר צוויי הונדערט.

דער תכלית פון אַ איד'ס אַראָפּקומען אויף דער וועלט איז כדי ער זאָל זיך פּלאָגן אויף די תורה, ווייל חז"ל זאָגן דאָך (נדה ל:) אַז יעדער עובר לערנט 'במעי אמו' די גאַנצע תורה פונעם מלאך, און אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרגעסט ער דאָס לערנען ווען ער קומט אַרויס אויף דער וועלט? איז דער תירוץ, אַז דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל דער תכלית פונעם געבורט פון אַ אידיש קינד אויף דער וועלט איז כדי ער זאָל האָרעווען אויף די תורה, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כו, ג) 'אם בחקותי תלכו', און רש"י טייטשט עס, 'שתהיו עמלים בתורה', מ'זאָל האָרעווען אויף די תורה. און טאַקע דערפאַר לייענט מען יעדעס יאָר פרשת בחוקותי פאַר'ן יום טוב שבועות, ווייל דאָס איז די ריכטיגע הכנה מקבל צו זיין די תורה: 'שתהיו עמלים בתורה'.

מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז 'אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו', נאָר דער אויבערשטער ווייל אַז דער מענטש זאָל טוהן וואָס ער קען נאָר, און דער אויבערשטער וועט שוין צוענדיגן פאַר איהם, ווי דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע האָט געזאָגט פאַר זיינע חסידים, אַז אויב דער מענטש טוט אַלעס וואָס ער קען טוהן, איז ער זוכה אַז דער אויבערשטער העלפט איהם ער זאָל קענען טוהן אויך מער ווי זיינע מעגליכקייטן, און העכער פון די נאַטור.

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, האָט געברענגט אַ ראיה דערצו, פון דעם וואָס פאַר מתן תורה, האָבן די אידן געזאָגט 'נעשה ונשמע'. דאָס איז דאָך אַן אומגעווענליכע זאַך, אַז זעקס הונדערט טויזנט מענטשן זאָלן זאָגן אויף איינמאָל גענוי די זעלבע ווערטער, 'נעשה ונשמע'. נאָר וואָס דען, ווייבאַלד די אידן האָבן גענומען אויף זיך דעם עול תורה, האָבן זיי זוכה געווען צו סייעתא דשמיא למעלה מדרך הטבע, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געזאָגט 'נעשה ונשמע', זיך באַנוצענדיג מיט אַ לשון וואָס די מלאכים נוצן.

דער אמת איז, אַז ס'איז אַ גרויסער עיקר אין די מצוה פון תלמוד תורה זיך צו פּלאָגן אויף די תורה ווען מ'האָט נישט קיין חשק צום לערנען, ווי עס שטייט אין אבות דרבי נתן (פ"ג מ"ו) 'פעם אחת בצער ממאה פעמים שלא בצער', און כאָטש דאָרט רעדט מען בכלליות, וועגן אַלע מצוות וואָס דער מענטש דאַרף מקיים זיין, און אַז אויב ער האַלט זיך צוריק פון טוהן אַן איסור, און עס קומט איהם אָן שווער זיך צוריקצוהאַלטן דערפון, באַקומט ער שכר הונדערט מאָל מער ווי ווען עס איז איהם לייכט, איז עס אָבער נאָך פיל מער שייך ביי לימוד התורה, וואָס ס'איז דאָך נישט מעגליך צו לערנען אָן יגיעה, ווי די גמרא זאָגט (מגילה ו:) 'לא יגעתי ומצאתי אל תאמין', און דער מהרש"א (חידושי אגדות) ברענגט דאָרט וואָס די קדמונים האָבן געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קטז, י-יא) 'האמנתי כי אדבר אני עניתי מאד, אני אמרתי בחפזי כל האדם כוזב'. 'האמנתי' - איך גלייב אַז איך קען געפינען די תורה, 'כי אדבר אני עניתי מאד' - אַז איך האָב זיך געפּלאָגט צו

דער מגיד מישרים הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַ בחור האָט זיך אַמאָל אויסגעוויינט פאַר דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז ער קען עס שוין מער נישט אויסהאַלטן... ער פּלאָגט זיך שוין אַ חודש צייט, און ער האָט קוים באַוויזן צו לערנען און פאַרשטיין איין בלאַט גמרא. האָט דער 'חפץ חיים' איהם געפרעגט וואו ער האַלט אין די מסכתא, האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער האַלט אויף דף ג' (ווייל יעדע מסכתא הייבט זיך דאָך אָן אויף דף ב'). האָט דער 'חפץ חיים' געזאָגט מיט התפעלות: אַה, אַה... דף **ק"ג**... האָט דער בחור פרובירט 'פאַררעכטן' דעם 'חפץ חיים', און איהם געזאָגט: 'ניין, איך האַלט דף ג'...'. דער 'חפץ חיים' האָט אָבער ווייטער געזאָגט, 'דף ק"ג'... האָט דער בחור שוין אָנגעהויבן טראַכטן, ווער ווייסט צי דער 'חפץ חיים' הייבט שוין חלילה אָן צו 'פאַרגעסן' אויף די עלטערע יאָרן... דער 'חפץ חיים' האָט געכאַפּט וואָס דער בחור טראַכט, און ער האָט אַרויסגענומען אַן 'אבות דרבי נתן', און איהם געוויזן די אויבן דערמאַנטע ווערטער, אַז 'טוב לו לאדם דבר אחד בצער ממאה בריווח'. ממילא, קומט אויס אַז דו האָסט געלערנט הונדערט מאָל, און אויב אַזוי, האַלטסו שוין ביי דף **ק"ג**...

דאָס איז אויך דער טעם פון דעם וואָס חז"ל זאָגן (עירובין נד.) אַז אויב דער מענטש האָט קאָפּ ווייטאָג זאָל ער לערנען תורה, ווייל ווען דער מענטש האָט קאָפּ ווייטאָג קומט איהם אָן דאָס לערנען אַסאַך שווערער, און אַזאַ סאָרט לימוד התורה איז דאָך הונדערט מאָל חשוב'ער. ממילא, **דאַרף מען אַריינכאַפּן צו לערנען**, ווייל אַזאַ סאָרט לערנען איז פיל חשוב'ער.

פאַרשטיין דאָס לערנען. אָבער 'אני אמרתי בחפזי' - אויב איך זאָג אַז איך האָב פאַרשטאַנען דאָס לערנען כאָטש איך האָב געלערנט שנעל, אָן יגיעה, דאַן 'כל האדם כוזב', זאָלסטו מיר נישט גלייבן, ווייל עס איז ליגן. ס'איז נישט מעגליך זוכה צו זיין צו תורה אויב מ'פלאָגט זיך נישט דערויף.

**דער** סאַקאָלובער רבי, הרה"ק רבי יצחק זעליג מאָרגנשטערן זי"ע, האָט געטייטשט די ווערטער פון די גמרא (סוטה כא.) 'עבירה מכבה מצוה, ואין עבירה מכבה תורה'. אַן עבירה קען 'אויסלעשן' דעם אור פון אַ מצוה, אָבער נישט דעם אור פון די תורה. פאַרוואָס איז דער כח פון תורה, גרעסער פון דעם כח פון אַ מצוה?

**זאָגט** דער סאָקאָלובער רבי, אַז אַ זאַך וואָס קומט מיט יגיעה, קען מען עס נישט אויסלעשן נאָר מיט אַן אַנדערע זאַך וואָס איז אויך געקומען מיט יגיעה. אַ מצוה, קען מען דאָך טוהן אויך אָן יגיעה, צום ביישפּיל, אויב דער מענטש האָט באַקומען ציצית אָדער תפילין און ער האָט עס אָנגעטוהן, איז ער מקיים אַ מצות עשה דאורייתא אָן יגיעה, און צוליב דעם קען מען עס אויסלעשן ח"ו מיט אַן עבירה, אָבער אויף די תורה דאַרף מען זיך דאָך פלאָגן און האָרעווען דערויף בכדי עס צו פאַרשטיין, וועגן דעם איז די מעלה פון תורה אַזוי גרויס אַז אַן עבירה קען עס נישט אויסלעשן און בטל מאַכן. (געברענגט אין די הקדמה צום ספר 'שמן למאור')

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט (ספר 'שיח שרפי קודש', ח"ב, אות קעו), אַז ס'איז מעגליך אַז צוליב דעם דויערט דער גלות ליידער אַזוי לאַנג, ווייל אין הימל איז זייער חשוב דער לימוד התורה אין די היינטיגע צייטן, וואָס עס קומט אָן מיט גרויסע שוועריגקייטן, צוליב דעם שווערן עול פון פרנסה וואָס ליגט אויף'ן מענטש.

**דאָס** הייסט, מיר ווייסן דאָך אַז אין די 'ימות המשיח' וועלן אידן האָבן אַ גרויסע הרחבה, ווי די גמרא זאָגט (עירובין מג:) אַז ווען משיח קומט וועלן אַלע גוים זיין קנעכט צו די אידן, און דעמאָלס וועלן אידן שוין נישט קענען לערנען תורה מתוך הדחק[לא].

**זעהען** מיר דאָ אַ וואונדערליכע זאַך, דער אויבערשטער כביכול האָט דאָך צער פון די צרות וואָס אידישע קינדער ליידן ליידער אין גלות, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צא, טו) 'עמו אנכי בצרה', און די גמרא זאָגט (חגיגה טו:) 'בזמן שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת, קלני מראשי, קלני מזרועי', און פונדעסטוועגן, טוט דער אויבערשטער כביכול זיך 'פאַרציהען' צו באַטייליגן בצרתן של ישראל, בכדי ער זאָל קענען האָבן פאַרגעניגן פון די תורה וואָס אידן לערנען מתוך הדחק.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה מיט ביידע הענט. אורך

**לא.** ווי באַקאַנט, איז דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, געווען בערוב ימיו אין ווין, זיך צו באַהאַנדלען ביי די דאָרטיגע פּראָפעסאָרן, און ער האָט דאָרט פאַרברענגט עטליכע וואָכן, און ליידער איז ער נסתלק געוואָרן אויפ'ן באַן זייענדיג אויפ'ן וועג צוריק אַהיים קיין בעלז פון ווין. צווישן די באַגלייטער פון בעלזער רב איז אויך געווען זיין זון און שפעטערדיגער ממלא מקום, הרה"ק מהרי"ד זי"ע. אין איינע פון די שבתים, האָט הרה"ק מהרי"ד באַמערקט אַ בחור לערנען אין בית המדרש במשך דעם גאַנצן שבת מיט גרויס התמדה און אַ געוואַלדיגן חשק. ער איז זייער נתפעל געוואָרן פון דעם בחור'ס האָרעוואַניע, און געמאַכט מיט איהם אַ שמועס, פרעגנדיג פון וואו ער קומט און וואָס ער טוט. האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער איז ליידער גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, וואו ער איז ליידער געווען געצוואונגען מחלל שבת צו זיין רח"ל. האָט ער זיך געוואָנדן צו זיינע קאָמאַנדירן אַז זיי זאָלן איהם געבן דעם שבת'דיגן טאָג צו רוהען, און אנשטאָט דעם, וועט ער אַרבעטן לענגערע שעה'ן אין די וואָכן-טעג. ער האָט נושא חן געווען אין זייערע אויגן, און די רשעים זענען אַרויס פון זייער גדר און האָבן נאָכגעגעבן זיין בקשה. זינט דאַן האָט ער גענומען אויף זיך צו פאַרוואַנדלען זיין טאָג פון מנוחה - דעם שבת'דיגן טאָג - אין אַ 'יום שכולו תורה'.

הערנדיג דעם ענטפער פון דעם בחור, האָט הרה"ק מהרי"ד געזאָגט:

**- ווער ווייסט צי דער דאָזיגער בחור טוט נישט צוריקהאַלטן די גאולה... ווייל ווען מיר וועלן זוכה זיין אַז משיח וועט קומען, און מיר וועלן זוכה זיין צו 'ושבור עול הגוים ועול הגליות מעל צווארינו', וועט דאָך דער אויבערשטער כביכול מער זיך נישט קענען משתעשע זיין מיט אַזאַ בחור וואָס לערנט תורה מיט אַזאַ מסירות נפש.**

ימים בימינה, בשמאלה עושר וכבוד[לב], און אויפשטעלן ערליכע דורות, נאמנים לה' ולתורתו, עוסקים בתורה

**לב.** אַמאָל שבועות ביינאַכט, האָט הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע געזאָגט, די גמרא זאָגט (שבת לד.) דריי זאַכן דאַרף דער מענטש פרעגן ערב שבת פאַרנאַכטס: 'עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר' (אויב מ'האָט געגומען מעשר, געמאַכט אַן עירוב תבשילין, און אָנגעצונדן די שבת לעכט). זאָגט דאָרט די גמרא, 'וצריך למימרינהו בניחותא'. מ'דאַרף די דריי זאַכן פרעגן רואיג, כדי די בני בית זאָלן אָננעמען זיינע ווערטער, ווייל אויב נישט, קען עס גורם זיין חילול שבת ח"ו.

האָט הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער געזאָגט, אַז די דאָזיגע הוראה איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא ביי די דריי זאַכן, נאָר '**ללמד על הכלל כולו יצא**'. ווען דער מענטש וויל אַז זיינע ווערטער זאָלן אָנגענומען ווערן ביי יענעם צו וועמען ער רעדט, דאַרף ער זאָגן די ווערטער אויף אַ געלאַסענעם און רואיגן טאָן.

און דער קאָזמירער האָט אויסגעפירט מיט אַ מליצה צום באַשעפער:

- רבונו של עולם. דו גיבסט אונז היינט די תורה. זעה צו געבן אונז די תורה 'בניחותא' - 'בשובה ונחת', 'כי היכי דלקבלינהו מיניה', און מיר זאָלן זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה באהבה וברצון. (ספר 'תורת יחזקאל', שבועות)

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז אאַ"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, פלעגט שטאַרק מעורר זיין די חסידים צו לערנען גמרא, דערמאַנענדיג שטענדיג "די הייליגע גמרא".

עס האָט מיר דערציילט אַ איד, אַז ער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו הרה"ק רמ"מ זצ"ל און איהם געזאָגט, היות עס איז באַקאַנט אַז צדיקים קענען זעהן אויפ'ן שטערן פון אַ מענטש אַלע זיינע מעשים, בעט ער דעריבער אַז דער רבי זאָל קוקן אויף זיין שטערן, און זאָל איהם זאָגן זיינע עבירות, כדי ער זאָל וויסן וואָס ער דאַרף מתקן זיין, און אויף וועלכע זאַכן ער דאַרף תשובה טוהן...

האָט הרה"ק רבי משה מרדכי איהם אנגעקוקט, און געזאגט:

- **דו האָסט דאָך היינט געלערנט אַ בלאַט גמרא, ממילא זעה איך נישט אויף דיר קיין עבירות...**

האָט דער איד ווייטער געבעטן, אפשר קען דער רבי אַראָפּנעמען די 'מאַסקע' פון לימוד התורה פון זיין פנים, און איהם אַנטפּלעקן וואָס ער דאַרף מתקן זיין... האָט דער זיידע ז"ל געזאָגט:

- **אויב דער אויבערשטער וויל אַז דיינע מעשים זאָלן זיין באַהאַלטן און פאַרדעקט, איז ווי קען איך אַראָפּנעמען דעם 'דעק'?!...**

וואָס לערנען מיר פון די מעשה? מיר לערנען דערפון, **אַז אַ איד וואָס לערנט תורה ווערט אַן אַנדערער מענטש, ער מעקט אָפּ זיין גאַנצן עבר, אַז אַלעס זאָל זיין כאין וכאפס.**

אַמאָל אינעם יאָרצייט פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע (יסוד שביסוד), איז ביים טיש פון אאַ"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, געווען דער באַקאַנטער חסיד רבי בן ציון אַפּטער זצ"ל. האָט דער זיידע געזאָגט צו רבי בן ציון, ער זאָל זאָגן עפּעס אַ וואָרט.

האָט רבי בן ציון נאָכגעזאָגט וואָס עס ווערט געברענגט פון צדיקים ("אור לשמים", פרשת נצבים, ועוד) אויפ'ן פסוק (בראשית י, י) "ותהי ראשית ממלכתו בבל", אַז **דער אָנהויב קבלת עול מלכות שמים פון אַ איד, איז "בבל", צו לערנען גמרא - תלמוד בבלי.** פון דעם וואָרט האָט אאַ"ז הרמ"מ ז"ל שטאַרק הנאה געהאַט.

אאַ"ז זצ"ל, פלעגט זאָגן פאַר יונגעלעך וואָס זענען געוואָרן בר מצוה:

- דו גרייטסט זיך דאָך צו באַקומען אַ נייעם מלאך - דעם יצר טוב. נו, אַז מ'באַקומט אַ גאַסט, דאַרף מען מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. ווען מ'גיט צו עסן אָדער טרינקען פאַר'ן גאַסט, גיט מען איהם - זעלבסט פאַרשטענדליך - וואָס דער גאַסט האָט ליב... - נישט וואָס דער בעל הבית האָט ליב... **דער נייער גאַסט, דער מלאך - דער יצר טוב - האָט ליב אַ סאַך בלעטער גמרא!...**

הגה"ח רבי שלמה וויינשטאָק זצ"ל מיקירי ירושלים, איז געווען אַ מקורב ביי מיין זיידן הרה"ק מלעלוב זצ"ל (ער איז אויך געווען אַ שוועסטער-קינד, זייענדיג אַן אייניקל פון הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זצ"ל פון ירושלים), און האָט נאָך אַלס בחור, אַ סאַך משמש געווען דעם זיידן ז"ל, און זיך געדרייט דאָרט אין שטוב (ער איז געווען עלטער פון די קינדער פונעם זיידן).

ביי די מסיבת תנאים פון ר' שלמה, האָט אאַ"ז זצ"ל געהייסן דערלאַנגען דעם שטר תנאים, און ער האָט צוגעשריבן די ווערטער, **"החתן מתחייב לגמור מסכתות שבת עירובין קידושין עד יום החופה"**.

שפּעטער פלעגט דער זיידע כסדר פרעגן ר' שלמה'ן וואו ער האַלט מיט די דריי מסכתות, און ער האָט איהם געפלעגט זאָגן: "שלמה, מ'וועט דיר נישט מוותר זיין אויף קיין בלאַט, אויף קיין עמוד, אויף קיין שורה! דו וועסט נישט גיין צו די חופּה ביז דו וועסט נישט ענדיגן די דריי מסכתות!!!".

אַמאָל ביי אַ מסיבת שבע ברכות, האָט אא"ז זצ"ל מכבד געווען (שלא כמנהגו) דעם חתן מיט ברכת המזון, און צוגעלייגט:

**- דער חתן איז מכובד מיט'ן בענטשן, ער קויפט עס פאַר 70 בלאַט גמרא אַ חודש... ער גייט לערנען 70 בלאַט גמרא יעדן חודש!**

עס דערציילט הרה"ג ר' יצחק דוד גראָסמאַן שליט"א, דער רב פון מגדל העמק, אַז איינער פון די יוגענטליכע אין מגדל העמק האָט געדאַרפט דורכגיין אַ שווערע נירן אָפּעראַציע ל"ע. ווען זיין פאָטער האָט זיך געגרייט צו פאָרן מיט'ן זון צו די אָפּעראַציע אין שפּיטאָל האָט הרב ר' איטשע דוד הנ"ל גע'עצה'ט דעם פאָטער, ער זאָל אויפ'ן וועג אַריינפאָרן צום לעלוב'ער רבי'ן (אא"ז ז"ל, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אויף רחוב רבי עקיבא אין בני ברק) און באַקומען פון איהם אַ ברכה.

זיי האָבן אַזוי געטוהן. ווען דער טאַטע האָט דערציילט פאַרן רבי'ן אַז ער איז געקומען נעמען אַ ברכה איידער זיין זון גייט זיך אָפּערירן, האָט דער זיידע זיך אויסגעדרייט צום זון, און איהם געפרעגט: "אתה לומד גמרא?" ("דו לערנסט גמרא?"). און ער האָט צוגעלייגט: "אם תקבל עליך ללמוד גמרא בהתמדה, אינך זקוק לניתוח". **אויב דו וועסט נעמען אויף זיך צו לערנען גמרא, וועסטו נישט דאַרפן האָבן אַן אָפּעראַציע.**

האָט דער פאָטער געזאָגט צו מיין זיידן ז"ל, אַז זיי זענען נישט געקומען **פרעגן** צו זיי זאָלן מאַכן די אָפּעראַציע... נאָר זיי זענען געקומען נאָך אַ **ברכה**. אא"ז ז"ל האָט איהם גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיך אויסגעדרייט צום בחור און איהם נאָך אַמאָל געזאָגט די אויבן דערמאנטע ווערטער: "אם תקבל עליך ללמוד גמרא בהתמדה, אינך זקוק לניתוח".

פון דאָרט זענען זיי געפאָרן אין שפּיטאָל. ווען מ'האָט נאָך אַמאָל געמאַכט בילדער פאַר די אָפּעראַציע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער זון נויטיגט זיך ב"ה נישט אין אַן אָפּעראַציע. ווען דער זון האָט געזעהן דעם אָפּנעם מופת, האָט ער זיך געזעצט לערנען יומם ולילה, און צו 17 יאָר האָט ער געמאַכט אַ סיום הש"ס!

הרב גראָסמאַן לייגט צו, אַז אין מגדל העמק האָט מען דעמאָלס געשמועסט, אַז "גדול הנס האחרון יותר מן הראשון" - דער צווייטער מופת - אז ער האָט זיך געזעצט לערנען, טראָץ דעם וואָס ער האָט פריער נישט אָנגעקוקט אַ אידיש ספר - איז גרעסער ווי דער ערשטער מופת!

### מן הבאר

איינער פון מיינע ברידער האָט אַלס בחור געהאַט גרויסע שוועריגקייטן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער דינסט. וויבאַלד אַ בחור האָט נישט קיין אייגן געלט, האָט דער זיידע ז"ל איהם געהייסן **לערנען 138 בלעטער גמרא**. ווען מיין ברודער האָט געפרעגט דעם זיידן צו ער דאַרף עס לערנען מיט תוספות, האָט ער געענטפערט אַז ער זאָל נאָר לערנען די תוספות'ן וואָס זענען נוגע צום פשט פון דער גמרא.

צומאַרגענס נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט לערנען די 138 בלאַט גמרא, איז באופן פלא אָנגעקומען מיט דער פּאָסט אַ כתב "פטור" פון מיליטער. גענוי וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, ווייסן מיר נישט עד היום.

אַמאָל ביים טיש, האָט אא"ז זצ"ל געזאָגט צו הרה"ח רבי חיים ישראל האַלטובסקי ז"ל מזקני חסידי קארלין, ומנקיי הדעת שבירושלים:

- ווען די באַאַמטע פון שטייער אַמט קומען אונטערזוכן עמיצן וועמען זיי זענען חושד אַז ער צאָלט נישט גענוג שטייערן, באַהאַלט ער אַלע טייערע זאַכן, אָבער ברויט באַהאַלט קיינער נישט, ווייל דאָס איז כדי חיותו פון מענטש, ער מוז דאָך דאָס האָבן צום לעבן. דאָס זעלבע איז מיט לערנען גמרא. **כאָטש אַ איד דאַרף זיך ביי אַלעם פירן בהצנע לכת, אָבער ביי אַ בלאַט גמרא - וואָס איז דאָס לעבן פון מענטש - איז נישט שייך דער ענין פון 'הצנע לכת'. יעדער זאָל זעהן ווי מ'לערנט גמרא.**

כ'בין אַמאָל געווען אין צימער, ווען אַ געוויסער בחור פון דער סלאָבאָדקער ישיבה האָט געבעטן פון מיין זיידן ז"ל אַ ברכה אויף שמירת העינים. האָט דער זיידע איהם געזאָגט:

ובמצוות לשמה על ישראל שלום. אַלע חולי ישראל זאָל אויסגעהיילט ווערן מיט אַ רפואה שלימה - אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט ביי מתן תורה, און דער זכות פון דוד מלכא משיחא זאָל אונז ביישטיין, און מיר זאָלן זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

---

**- לייג אַריין די אויגן אין גמרא-רש"י!**

ווען מ'פלעגט מזכיר זיין הזכרות ביי אא"ז הרה"ק הרמ"מ מלעלוב זצ"ל, פלעגט ער זאָגט סכומים פון געלט וואָס מ'זאָל אַוועקגעבן פאַר צדקה, ווי צ.ב.ש. 138, כמספר הצלח"ה, וכדומה.

אַמאָל ווען הרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זי"ע איז געווען נישט געזונט האָט זיין זון, הרה"ק הריי"ץ זי"ע, געשיקט מזכיר זיין ביי דעם טאַטן ביי דריי פון די גדולי הדור: ביים גאון רבי מאיר שמחה זצ"ל פון דווינסק, בעל "אור שמח"; ביים "חפץ חיים" זצ"ל, און ביים ראָגאַטשאָווער גאון, רבי יוסף ראָזין זצ"ל. ווען די חסידים האָבן אויסגעדרוקט פאַרוואונדערונג פאַרוואָס דער רבי ריי"ץ שיקט פונקט צו די דריי גדולים, האָט דער שפּעטערדיגער ליובאַוויטשער רבי געזאָגט:

**- וואָס זאָלן מיר טוהן, דער אויבערשטער האָט ליב אַ מויל וואָס לערנט אַסאַך תורה...**

הרה"ק בעל "קדושת יום טוב" זי"ע אבד"ק סיגעט, איז אַמאָל געפאָרן צו אַן אסיפת הרבנים אין אונגאַרן, און ער האָט מיטגענומען זיין זון, דעם יניק וחכים דעם שפּעטערדיגן סאַטמאַרער רב זי"ע, וועלכער איז דעמאָלס געווען צען יאָר אַלט.

ביי די אסיפה, וואו עס האָט זיך אויך באַטייליגט דער גאון בעל "ערוגת הבושם" זצ"ל פון חוסט, האָט דער "קדושת יום טוב" געבעטן דעם חוסטער רב, ער זאָל פאַרהערן זיין יונגעל יואל'ישל, שולחן ערוך חושן משפּט. דער "ערוגת הבושם" האָט אַזוי געטוהן, און איז אַרויס פון התפעלות פון דעם יונגען קינד'ס קענטעניסן אין אַזעלכע שווערע מקצועות. שפּעטער, ווען ער האָט אויסגעדרוקט זיין התפעלות פאַר'ן סיגעטער רב, האָט דער "קדושת יום טוב" געזאָגט:

**- אויב איר וואָלט געהערט ווי מיין יואל'יש זאָגט "ברכת התורה", און "אהבה רבה", וואָלט איר זיך נישט געוואונדערט...**

# והאר עינינו בתורתך

דער גאון רבי עזריאל יהודה לעבאָוויטש זצ"ל, רב פון דער ווינער קהילה אין אַמעריקע, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון דעם מאַדער רב, הגאון רבי מרדכי לייב ווינקלער זצ"ל, בעל 'לבושי מרדכי' (וועלכער איז געווען איינער פון די גדולי הפוסקים אין אונגאַרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה), האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט זיין רבי'ן, דעם 'לבושי מרדכי', פאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבן אַלס איידים (בזיווג ראשון) דעם גאון רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל, שפּעטערדיגער רב אין חוסט און אין ירושלים עיה"ק, מער ווי די אַנדערע 'אריות שבחבורה'. וואָס האָט ער געזעהן אין רבי יוסף צבי, מער ווי אין די אַנדערע תלמידים פון יענע צייט, וועלכע זענען שפּעטער אויך אויסגעוואַקסן אַלס גרויסע גאונים? האָט דער 'לבושי מרדכי' איהם געענטפערט:

- ווען ס'איז געקומען די צייט צו זוכן אַ שידוך פאַר מיין טאָכטער, בין איך אַריבערגעפאָרן קיין פּרעשבורג, און באַגעגענט דעם מרא דאתרא, הגאון בעל 'שבט סופר' זצ"ל, וועלכער האָט דאָרט אָנגעפירט מיט די באַרימטע פּרעשבורגער ישיבה. שמועסנדיג, האָב איך געזאָגט פאַר'ן פּרעשבורגער רב, אַז איך בין געקומען זוכן אַ גוטן בחור פאַר מיין טאָכטער. איך זוך אַ 'כליל המעלות', א.א.וו. האָט דער 'שבט סופר' מיר געזאָגט: דאָס קען איך אייך נישט זאָגן. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט אַריין אַריינגיין אין ישיבה, דאָרט זיצן פאַרשידענע בחורים, צווישן זיי 'לייבן' אין לערנען און אין יראת שמים, גייט אַריין און קלויבט אייך אויס וועמען איר ווילט נעמען פאַר אַ חתן.

- בין איך אַריינגעגאַנגען אין ישיבה, און איך האָב טאַקע באַגעגנט דאָרט גאָר חשוב'ער בחורים, גרויסע מתמידים אין לערנען. איך האָב אָבער נישט געקענט באַשליסן וועמען פון זיי צו נעמען אַלס אַ חתן פאַר מיין טאָכטער. אַרומשפּאַצירנדיג אַזוי צווישן די בחורים, האָב איך באַמערקט אַ בחור וואָס זיצט און וויינט. כ'בין געגאַנגען ווייטער, און וויבאַלד איך האָב נישט געקענט באַשליסן וועלכער בחור עס געפעלט מיר דאס מערסטע, בין איך צוריקגעגאַנגען צום פּרעשבורגער רב און איהם געזאָגט אַז איך פּלאַן צו בלייבן דאָ איבערנעכטיגן, און מ'וועט זעהן מאָרגן אי"ה.

- ווען איך בין נאָך אַמאָל אַריינגעקומען צומאָרגענס אין ישיבה, האָב איך ווידעראַמאָל געזעהן דעם זעלבן בחור, ווי ער זיצט און וויינט... האָב איך רחמנות באַקומען אויף איהם, אפשר פעלט איהם עפּעס, מעגליך אַז איינער האָט איהם געטשעפּעט און שטאַרק וויי געטוהן... בין איך צוגעגאַנגען צום דאָזיגן בחור, און איך האָב איהם געפרעגט, 'בחור טייערער, פאַרוואָס וויינסטו? איך האָב דאָך שוין נעכטן געזעהן ווי דו וויינסט. אפשר קען איך דיר העלפן מיט עפּעס'. האָט דער בחור געזאָגט: 'ניין, איר קענט מיר נישט העלפן'. האָב איך איהם געפרעגט, אפשר דאָך... אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיר צו זאָגן די סיבה פאַרוואָס ער וויינט. בין איך געגאַנגען צום ראש ישיבה, דעם פּרעשבורגער רב, און איהם געפרעגט אויב ער ווייסט פאַרוואָס יענער בחור וויינט אַזוי שטאַרק, שוין פון נעכטן. האָט דער רב גערופן דעם בחור און איהם געפרעגט פאַר די סיבה פון זיין

געוויין, אפשר פעלט איהם עפּעס. האָט דער בחור איהם געענטפערט: 'ניין, עס פעלט מיר גאָרנישט, נאָר איך פלאָג זיך שוין עטליכע טעג אויף אַ שווערן תוספות, און איך קען בשום אופן נישט אָנקומען צום אמת'דיגן פשט אין תוספות. איך קען נישט לערנען ווייטער, און דאָס שטערט מיך צום שלאָפן', א.א.וו. וועגן דעם וויין איך און איך בעט דעם באַשעפער, 'והאר עינינו בתורתך'. האָב איך געזאָגט: אַזאַ בחור זוך איך פאַר מיין טאָכטער, ווייל כ'בין זיכער אַז ער וועט אויסוואַקסן אַלס איינע פון די גדולי ישראל...

מיט דעם האָט דער מאַדער רב אונז געלערנט, אַז מיר זאָלן נישט מיינען אַז ער האָט אויסגעוויילט רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל צוליב זיין גדלות אין תורה, **נאָר דערפאַר ווייל ער האָט געוויינט מיט הייסע טרערן ווען ער האָט נישט פאַרשטאַנען פשט אין אַ תוספות.** ער האָט זיך נישט מייאש געווען, נאָר אומאויפהערליך געוויינט אַז ער זאָל זוכה זיין צו פאַרשטיין דעם תוספות. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אַז דאָס איז אַ פּאַסיגער חתן פאַר איהם.

דאָס איז אַ לימוד פאַר אונז, אַז מ'דאַרף זעהן אויסצונוצן די געהויבענע צייט פון ג' ימי הגבלה און קבלת התורה אין יום טוב שבועות, אַז דייקא דער וואס 'וויל' און וויינט דערויף אַז ער זאָל זוכה זיין צו חשקות און השגות אין תורה, איז זוכה אַז דער אויבערשטער זאָל איהם אויסוויילן אַלס 'חתן תורה'...

בס"ד

# הופיע!

חדש!

על
## פרקי אבות

נערך ונלקט
מתוך תוכן
דברי שיחותיו של
מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן שליט"א**




הפצה:
אר"י: 1800-22-55-66
ארה"ב: (718) 437-0054

ניתן להשיג בכל חנויות הספרים